געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד!

№ 21 [illegible] na ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

אנאנסען-פרייז פאר 1 מילימעטער-שורה: [illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201

אבאנעמענטס-פרייז 1 נומער 20 גראשען. [illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, d 19 maja 1933 | ליכט-צינדען 7,18 | פרייטאג, פ' בה"ב כ"ג אייר תרצ"ג.

Bibljot. Jagellońska Kraków

די פערוואלטונג פון דער **טשענסט. באנק ספולדזיעלטשי,** מיט בעגר. פעראנט. מא"ט בעקאנט, דאס די **יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג** פון די מיטגלידער פון דער באנק קומט פאר **זונטאג, ד. 28 מאי, 3 נאכמ. אין פייערלעשער - זאל.**

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג און וואהלען פון א פארזיצענדען. 2) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער פאריגער אלגעמיינער פערזאמלונג. 3) א. אדורכקוקען דעם בעריכט און בילאנס פאר'ן יאהר 1932. ב. פארלעזען דעם בעריכט פון דער קאנטראל-רעוויזיע, וועלכע איז אדורכגעפיהרט געווארען דורך דעם אינספעקטאר פון פערבאנד פון די יידישע קאאפעראטיווע בענק אין פוילען. ג. צוטיילונג פון ריוח. 4) אננעמען דעם בודושעט פאר'ן יאהר 1933. 5) אננעמען דעם גרונד-קאפיטאל 6) בעשטימען די גרענעץ פון דעם העכסטען קרעדיט פאר א מיטגליד. 7) בעשטימען די גרענעץ פון די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וועלכע די באנק קען נעמען אויף זיך. 8) וואהלען אויפן ארט פון די אפגעטרעטענע: א. פערוואלטונגס-מיטגליעד **י. אימיך** און פערטרעטער **יעקב לעווקאוויטש.** ב) מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראט ה"ה: ד"ר **ה. גייסלער ב. שטיבעל** און **ב. בערקאוויטש.** פערטרעטער: ה"ה: **י. בוגייער** און **י. אפענהיים.** בעמערקונג: אבטרעטענדע מיטגלידער קאנען ווערען געוועהלט'

Propagandzistki

poszukiwane są dla rozpowszechnienia artykułu codziennego użytku. Pierwszeństwo mają siły wykwalifik. Zgłaszać się w niedzielę, dn 21 maja br. od g. 5 -7 w., ul. B Joselewicza 15, m. 10.

דאנקזאגונג.

דעם גרעסטען יישר כח זאגען מיר די זעהר חשוב'ע
ה"ה ד"ר ד. קאגאן
און פעלדשער ס. מאשקאוויטש
פאר זייער אפפערוויליגע ארבייט און אנשטרענגונג בעת מיין פרוי'ס געפעהרליכע קראנקהייט.
זאל זיי גאט געבען הצלחה און זייער ווייטערדיגער ארבייט.

יצחק פיאסטאר, גארנצארסקא 63

רינג-קייט פון גמילת חסד, אגראדאווא 6.

נ. ווישליצקי 3 זל. און רופט נ. פרידמאן.
ה. דאנציגער 2 זל. און רופט פירמא „פאניס" ניימאן, האכערמאן.
פירמא „געמאל" ענטפערט 2 זל.
א. וואלאדאווסקי ענטפערט 1.50 און רופט ש. רייכמאן, מ. טענענבוים, נ. ראזענצווייג, י. ווארמונד
ה. באנד ענטפערט 1 זל. און רופט י. קאץ, י. קאהן, ב. גאלדרייך, מ. קאפינסקי, ר. באראן.
ה. ריכטער ענטפערט 1 זל. און רופט י. איזריילאוויטש, ד. קרימאן, ה. האלבערג, ה. אורבאך.
ש. אורבאך ענטפערט 1 זל. און רופט י. יאזשאמבעק, ה. הערצבערג.
מ. נאדעלמאן 1 זל. און רופט ה. ארטמאן.
ב. טשענסטאכאווסקי ענטפערט 1 זל.

ODCISKI
ZGRUBIAŁĄ SKÓRĘ I BRODAWKI
USUWA BEZ BÓLU I BEZPOWROTNIE
KLAWIOL
„AP. KOWALSKI"

SUDOR PŁYN
„AP. KOWALSKI"
USUWA
POT i NIEMIŁĄ JEGO WOŃ

Rodzinie Prokosz
z powodu zgonu ich żony i matki
b. p. DWOJRY
wyrażają głębokie współczucie
Sara i Ucla Wajnsztokówne,
Henryk Markowicz i Stefa Futerko.

Fela Welgrynówna
Dawid Jakubowicz
ZARĘCZENI
Częstochowa, w maju 1933 r

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה' **אברהם יאקובאוויטש** און **פרוי** צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן **דוד** מיט פרל. **פעלא וועלגרין.**
דעם חתן כלה ווינשען מיר א בליהענדע צוקונפט.
ב. באטשאן און פאמיליע.

Andzia Krakauer **Bernard Grinbaum**
ZAŚLUBIENI
Częstochowa w maju 1933 r. Zawiercie

צו דער התונה פון אונזער ליבע טאכטער **אנדזיא קראקויער** מיט ה' **בערנארד גרינבוים** פון זאווירטשע, אונזערע הארציגסטע גליקוואונשען.
פאטער און געשוויסטער.

צו דער האכצייט פון פרל. **אנדזיא קראקויער** מיט ה' **בערנארד גרינבוים** פון זאווירטשע, א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
ווינשען
א. גרינבערג, פרוי און קינדער.

דער פרל. **געניא פראקאש** צום טויט פון איהר **מוטער**
דבורה נ"ע
דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל **בערנארד פערענס און פרוי,**

אונזער פריינדין **געניא פראקאש** צום טויט פון איר ליבע **מוטער**
דבורה נ"ע
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
די קראנקען-שוועסטערן פון יודישען שפיטאל.

Wyrażamy nasze najgłębsze współczucie
pannie **Geni Prokoszównie** z powodu zgonu
Jej MATKI b. p. **DWOJRY**
Frenklowie i Bernard Najman

Pannie **Geni Prokoszównie** z powodu zgonu
MATKI Jej b.p. **DWOJRY**
składają wyrazy głębokiego współczucia
MEITLISOWIE.

אונזער הבר **שמואל פראקאש** און **פאמיליע**
צוליעב'ן טויט פון זיין **מוטער**
דבורה נ"ע
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל:
ה. העלמאן, א. שטשעקאץ, י. שעפטעל, ש. עפראים,
ח. פורבערג, ק. שטשופאק, ע. באטשאן, י. שטשופאק.

שמערצליך געטראפענע, דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזערע ל. פריינד — פרל. **אסתר** און **שמואל פראקאש** ווי אויך דער **גאנצער פאמיליע** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער **פרוי** און **מוטער**
דבורה נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
לייזער דאנציגער און **ליפמאן קאפינסקי.**

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער פ"ל. **געניא פראקאש** צום טויט פון איהר ליעבע **מוטער דבורה** נ"ע
און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
מאניע און פייוויל אלטמאן.

באלטשע לאכמאן יעקב יוסף לעווקאוויטש
תנאים געשריבען

טשענסטאכאו אין מאי 1933.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען זוהן
יעקב יוסף לעווקאוויטש מיט פרל. **באלטשע לאכמאן**
אונזערע הארציגע ברכות,
עלטערן.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליעבען ברודער **יעקב יוסף** מיט פרל **באלטשע לאכמאן**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
ווינשען
געשוויסטער לעווקאוויטש

צו דער תנאים פון אונזער ליעבע טאכטער און שוועסטער **באלטשע לאכמאן**
מיט ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און אלדאס גוטס
מוטער און געשוויסטער.

מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין **באלטשע לאכמאן** צו איהר תנאים מיט ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש.**
זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעשטראהלט מיט גליק און זעגען.
ישראל לאכמאן, פרוי און קינדער.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבע שוועסטער און שוועגערין **באלטשע לאכמאן**
מיט ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש** ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
מרדכי טיזשבער, פרוי און קינדער.

פיעל גליק און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער געשעפטס-פריינד ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש** צו זיין פערלאבונג מיט פרל. **באלטשע לאכמאן.**
ב. באטשאן און פרוי.

צו דער פערלאבונג פון פרל. **באלטשע לאכמאן** מיט ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש**
ווינש איך זיי אייביגע צופרידענהייט און א גליקליך צוזאמענלעבען.
די עלטערן ווינש איך פון זיי צו זעהען א סך נחת.
אסתר רייזיל נייער.

דער פרל. **באלטשע לאכמאן** צו איהר תנאים מיט ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.
הירשל בראדער און פרוי.

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינדין פרל. **באלטשע לאכמאן** מיט ה' **יעקב יוסף לעווקאוויטש** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.
יצחק ריכטער און פאמיליע.

Z intencji zaręczyn przyjaciółki naszej
p. BALI LACHMANÓWNY z p JAKÓBEM LEWKOWICZEM
życzymy Im wiele szczęścia i radości
Regina, Bronia, Regina.

צו דער התונה פון אונזער קוזינקע פרל. **עווא איזרייעלאוויטש** מיט ה' **בידא**
א הארציגען מזל-טוב און פולקאמענע צופרידענהייט
יצחק ריכטער און פאמיליע.

צו דער התונה פון אונזער פריינד **ל. קראקויער** מיט פרל. **רוזשע קופפערמינץ**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
משה גאלדבערג און פרוי
מרדכי הערמאן און פרוי.

Przemysł Leśny „JULJANKA"

Sp. z ogr. odp.
w ZŁOTYM POTOKU
מאכט בעקאנט, אז פון **1 מאי האט זיך געעפענט** אין **טשענסטאכאו**
אויף קאפערניקא גאס 17, טעל. 7-64
א האלץ-לאגער,
וואו עס איז צו בעקומען אלע זעמטליכע **שניט - מאטעריאלען** פון ווייך און **הארט האלץ** ווי: יעשאן, בוק, דעמבינע און אנד.
אלעראַרט בעשטעלונגען פון די אויבענדערמאנטע סארטען האלץ דירעקט פון לאגער און אויך פון **זעג - ווערק** אין **זלאטי פאטאק** ווערט **שנעל** און **פונקטליך ערלעדיגט.**
אויך איז צו בעקומען **פערטיגע דישלעס, ספריכעס** ווי אויך **ברען-האלץ.**
געדענקט די אדרעס: **קאפערניקא 17, טעל. 7,64.**

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער חבר
יעקב קאלאווסקי צום טויט פון זיין ליעבע פרוי
שרה נ"ע
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די פערוואלטונג פון בעקער און צוקערבעקער-צעך
אין טשענסטאכאו.

אנ׳אנגעוועהטאגטע פראגע.

מיר האבען שוין אויף די שפאלטען פון אונזער צייטונג בעריהרט די פראגע וועגען דעם, אז בעת עס פיהרט זיך אין דער גאנצער וועלט א שארפע באיקאט-אקציע געגען די דייטשע סחורות, און ווען זאגאר די בעלגישע ארבייטער — נישט קיין יודען — און אויך ארבייטער פון אנדערע מלוכות ווילען נישט אויסלאדענען די סחורות פון די דייטשע שיפען, זענען נאך פערהאן יודען ביי אונז אין שטאדט, וועלכע בעציהען סחורות פון דייטשלאנד.

מיר האבען זיך אבגעשטעלט אויף דער צעלולאיד-בראנזשע, כאטש מיר ווייסען נאך וועגען דייטשען קעז, וואס ווערט גאנץ געשמאק פערקויפט דורך יודען, וועגען דייטשע פאמעראנצען, וואס בעווייזען זיך אויפ׳ן מארק א. ד. גל.

אויב מיר האבען נאר דערווייל גערעדט וועגען דער צעלולאיד-בראנזשע איז עס דערפאר, ווייל אין טשענסטאכאוו זענען פערהאן עטליכע צענדליגג צעלולאיד-פאבריקען, וועלכע ארבייטען אויס זייער פראדוקציע פון רויה-שטאפען, וואס קומען פון דייטשלאנד.

אז אונזער בעמערקונג איז געווען א ריכטיגע, איז גענוג אנצוווייזען, דאס די באיקאט-קאמיסיע ביים סוחרים פעראיין האט טאקע גערופען די צעלולאיד פאבריקאנטען אויף א קאנפערענץ, וואו די דאזיגע פראגע איז בעהאנדעלט געווארען.

אין א קאמוניקאט, וואס איז אונז צוגעשיקט געווארען פון דער באיקאט-קאמיסיע, שרייבען זיי, אז דעם און דעם טאג איז פארגעקומען א בעראטונג פון אלע צעלולאיד-און שפיעלצייג-פאבריקאנטען (כאטש ווי אונז איז בעוואוסט האבען נאך א סך פאבריקאנטען געפעהלט) און עס איז בעשלאסען געווארען אדורכצופיהרען א פולקאמענעם באיקאט אויף דייטשע רויה-שטאפען ווי אויך צו אנולירען די געשלאסענע קאנטראקטען.

מיט דעם מיינע ה"ה איז אבער די זאך נאך נישט אינגאנצען ערלעדיגט, ווייל די פראגע איז א קאמפליצירטע און דארף האבען א גרונדליכע אונטערזוכונג און דארף ווערען ברייט אויפגעקלערט.

אין טשענסטאכאוו זענען פערהאנען עטליכע אגענטען (יודען) פערטרעטער פון דייטשע צעללולאיד - רויה-שטאפען. די דייטשע פאבריקאנטען שיקען דא אהער די סחורות אויף קאמיס, און אויף לאגער געפונען זיך שטענדיג אלע מינים פון דאזיגען ארטיקעל. אויב א פאבריקאנט נויטיגט זיך אפילו אין דער לעצטער מינוט אין וועלכען ס׳איז מין, געהט ער צום פערטרעטער און בעקומט עס תיכף. אויב אבער מען זאל אזא סחורה ערשט דארפען בעציהען פון דער פרעמד, וואלט דאס שטארק בעשווערט די פאבריקאציע.

דערביי איז אבער פערהאן אויך אנ׳אנדערע סיבה. ס׳זענען פערהאן מאנכע רויה-שטאפען, וועלכע מען בעקומט נישט אין אנדערע לענדער, אדער זיי זענען נישט געאייגענט פאר די היגע אויסארבייטונגען און ווידער אזעלכע ארטיקלען, וועלכע קאלקולירען זיך פון אנדערע לענדער טייערער. וואלטען אלזא אלע אהן אויסנאהם היגע פאבריקאנטלען געקויפט ווען אפילו צו טייערערע פרייזען די רויה - שטאפען פון אנדערע לענדער, וואלטען אלע ווייטער געקענט פיהרען די פאבריקען נארמאל. ווען אבער ס׳זאלען זיך נאר געפונען איינצעלנע, וועלכע זאלען ווייטער בעציהען זייערע רויה-שטאפען פון דייטשלאנד, וועלען זיי אזוי-ארום קענען קאנקורירען מיט די פרייזען מיט אנדערע פאבריקאנטען און דאן קען דערפיהרט ווערען צו א שטארקען דורכברוך פון באיקאט.

ס׳דארף אויך רעגולירט ווערען די אגענטען-פראגע. ביי א באיקאט פאלען אפ אינגאנצען די וועלכע פערטרעטען דייטשע סחורות, אין דער צייט, ווען אזעלכע, וואס פערטרעטען שוין לאנג פירמעס פון אנדערע לענדער און זענען שוין דערביי גוט איינגעארבייט, וועלען דא שטארק געניסען, ווייל איידער די פריהערדיגע דייטשע פערטרעטער וועלען זיך אויסזוכען נייע אויסלענדישע פירמעס, וועט שוין דער היעער מארק דורך די אנדערע זיין פערכאפט.

ווי איהר זעהט, איז די פראגע זעהר א קאמפליצירטע און די באיקאט-סעקציע ביים סוחרים-פעראיין דארף דעם גאנצען ענין ערנסט בעטראכטען. די זאך דארף געהעריג גפלעזט צו ווערען און קודם-כל זאל דער וויכטיגער צווייג, ווי עס איז די צעלולאיד-בראנזשע אין אונזער, שטאדט אינגאנצען קענען געפיהרט ווערען אהן יעדען דייטשען בעדארף.

ב—ן

אכטונג האנדווערקער!

לויט׳ן צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום פון 23 מערץ דארפען די אלע, וואס האבען פערלעגענע שטייערען אין סקארב אדער מאגיסטראט ביז ענדע יאהר 1930 און ווילען געניסען פון אנולירען אדער צולייגען זיי אויף ראטעס, דארפען זיך ווענדען אין סעקרעטאריאט פון האנדווערקער - פערבאנד שפעטסטענס ביז׳ן 29 ד. ח.

וואָרנונג!

היט אייך פאר פאלשע באיקאט = קלאגען!

מיר בעקומען ידיעות, אז אונזערע קאנקורענטען פערשפרייטען בייזוויליגע קלאנגען, אז די פירמע „ד"ר עטקער, דאנציג" איז א דייטשע און דעריבער זאל מען זי באיקאטירען. מיר האלטען דעריבער פאר נויטיג צו ערקלערען, אז די פירמע ד"ר עטקער, דאנציג=אליווא איז א זעלבסטשטענדיגע אונטערנעהמונג, וועלכע האט גארנישט צו טהון מיט די אונטערנעהמונגען, וואס טראגען דעמזעלבען נאמען און געפונען זיך אין דייטשלאנד און אנדערע לענדער. די רויה-שטאפען פאר די בעקאנטע עטקער-באק פראשקעס ווערען געבראכט אויסשליסליך פון פוילען. די פאבריק בעשעפטיגט פיעל יודען און כמעט אלע איהרע פארשטעהער אין פוילען זענען יודען. כדי צו בעווייזען ווי פאלש עס זענען די בייזוויליגע קלאנגען, ברענגען מיר ווערטליך דעם בריעף פון בעוואוסטען הרב סעגאלאוויטש דאנציג.

ער שרייבט: **איך בעשטעטיג דערמיט, אז די פירמע „דר. עטקער אליווא—דאנציג", איז מיר בעקאנט פון פיעל יאהרען אלס אזעלכע וואס די גאנצע אויסארבייטונג ווערט דא געמאכט און מיט אויסערהאלב האט זי קיין געמיינזאמעס. די סחורה ווערט געליפערט נאך פוילען, באלטיקום א. ד. גל. און פיעל פערטרעטער און רייזענדער, וועלכע איך קען, זענען יודען, וואס זייער עקזיסטענץ איז אבהענגיג פון דער דאזיגער פירמע.**

ס'איז נישטא קיין גרונד די פרעפאראטען פון דער דאזיגער פירמא שוועריגקייטען צו מאכען אדער באיקאטירען.

הכותב והחותם **יעקב מאיר סאגאלאוויטש**

ההופ"ק דאנציג, יום ג׳ לחודש אייר תרצ"ג.

די צעהנדליגער טויזענדער טרייע קאנסומענטען פון די בעקאנטע אויסארבייטונגען ווערען געבעטען אויך ווייטער צו שענקען זייער בוז-איצטיגען צוטרוי דער דאזיגער פירמע און זיך נישט לאזען פערפיהרען פון בייזוויליגע קאנקורענטען.

געגען די פערשפרייטער פון די בייזוויליגע פאלשע קלאנגען טרעטען מיר ארויס געריכטליך.

דר. אויגוסט עטקער

נעהרונגס מיטעל פאבריק דאנציג—אליווא.

(3

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שומאכער.

(פארטזעצונג)

אין גאס זענען געשטאנען עטליכע פערזאנען געשמועסט וועגען אגריפאס׳ן, דעם יודישען קעניג.

— אגריפאס דער יודישער קעניג? — האט אויסגערופען איינער פון די פערזאמעלטע, א געוויסער טעאפיליוס — וואס פאר א קעניג איז ער בעת אונזער קייזער נעראן שיקט יעדעס יאהר אנ׳אנדערען שטאטהאלטער?

— דאס לאנד האט מען ביי איהם צוגענומען — האט א צווייטער זיך אנגערופען — אבער קיינער האט דאך איהם נישט צוגענומען די שעהנע רוימישע זינגערינס, מיט וועלכע ער קאן פערברענגען וויפיעל נאר זיין הארץ פערלאנגט.

אלע האבען זיך צולאכט.

— אבער וואס הערט זיך עפיס נייעס? מען זאגט, אז די פארשטעהער פון צור זענען געקומען צו אספאסיינוס׳ן זיך בעקלאגען אויף אגריפוס׳ן, אז ער שטיצט די יודישע רעוואלוציאנערען.

— אייך מיר נייעס — האט טעאפילוס זיך צולאכט — ווער ווייסט דען דאס נישט אהן דיר. אגריפוס האט אבער נישט געקארגט קיין געלד און אספאסיינוס׳ן האט ער טאקי פעפוילען שווייגען.

— דאס מאל וועט שוין גארנישט העלפען. יוסטוס דער סעקרעטאר פון אגריפוס׳ן איז שוין ארעסטירט געווארען און געשמידט אין קייטען וועט מען איהם ברענגען אהער. איצט זענען שוין אלע געהיימניסען ענטדעקט געווארען און דער יודישער קעניג וועט זיך נישט בעפרייען.

— דאס גלייכסטע וואלט געווען — האט זיך אנ׳אנדערער אנגערופען — ווען מען וואלט אויפגעהאנגען דעם יודישען קעניג, דאן וואלט דער אויפשטאנד באלד דערשטיקט געווארען.

— דו ווייסט גארנישט—האט טעאפיליוס געזאגט—די יודען רעכענען זיך זעהר ווייניג מיט דעם פערלאנג פון זייער קעניג, וועלכען מען רופט נישט אנדערש, נאר דער קעניג פון די בעלי-מלאכות. מען רופט איהם אן שניידער דורך זיין בעפעהל. אז די לווים זאלען טראגען ספעציעלע אנציגער. האלץ-העקער רופט מען איהם, ווייל ער האט געהייסען אויסהאקען די רוימער פון לבנון.

— טאקע א גרויסער קעניג! דארפען דען נישט די רוימער פאר איהם ציטערן?

— וועמען געהער דער שעהנער פאלאץ, וואס שטעהט דא—האט געפרעגט איינער פון די שמועסענדע.

— איהר ווייסט גארנישט, ווער דא וואוינט? — האט דער צווייטער מיט שטאלץ געענטפערט — דא וואוינט דאך די שעהנע שוועסטער פון קעניג אגריפאס. היינט אין אוונד וועט בירניקה קומען אהער, וואו זי וועט פערבלייבען וואוינען.

— איהר ווייסט דען נישט—האט טעאפיליוס געזאגט—אז די שעהנע יודישע פרינצעסין האט פערלאזט איהר מאן? זי איז אזוי ווי אלע פרינצען פון דער דינאסטיע הורדוס. אגריפאס זויגט אויס דאס בלוט פון דער בעפעלקערונג, כדי צו פערברענגען מיט זיינע קעפס-ווייבער, מיט זיינע געליעבטע. די פרינצעסין בירניקה איז נאך ביי צעהן יאהר געווען אנ׳אויסוואורף, נאך ערגער ווי קלעאפאטרע, די קעניגין פון עגיפטען.

— שווייג דאך טעאפיליום—האט יאנוס זיך אנגערופען—דו קאנסט בלויז זידלען יעדען אהן שום גרונד. בירניקה איז א גאטס-פורכטיגע פרוי, איך האב געלעבט אין ירושלים און אליין געזעהן ווי די פרינצעסין איז געקומען אין בית-המקדש אריין בעצאהלען איהר נדר. זי האט דאמאלס אבגעשוירען איהרע לאקען, וועלכע האבען בעצויבערט מיט זייער שעהנהייט.

— אזוי איז דאס—האט זיך אנגערופען א סאלדאט, וועלכער איז גאר וואס צוגעגאנגען און דערהערט דעם שמועס—בירניקה איז זעהר פרום און גאטספורכטיג.

— סלאוויאוס, דו ביזט עס — האט יאנוס אויסגערופען — דו ביזט אויך דא?

— איך בין אנ׳אפוציר אונטער דער קאמאנדע פון פלאוויאוס טאבינוס.

— איך — האט סלאוויאוס פארטגעזעצט — האב אויך געזעהן בירניקה, ווען זי איז געקומען צו פלארוס׳ן הע־טען פאר איהר פאלק, מיט צוריסענע קליידער, בארוויס איז זי צוגעגאנגען צו פלארוס׳ן און ווען ער האט זי אבגעשטויסען, האט וועה געטהון דאס הארץ, קוקענדיג אויף איהר.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א גערויש, דאס פאלק האט שטורמיש בעגריסט די אנקומענדע בירניקה. אלע האבען זיך געווארפען צו דער גאס זעהען די פראכט פון דער שעהנער פרינצעסין.

פיער שקלאפען האבען געטראגען א קעניגליכע בויד, פערמאכט פון אלע זייטען, נאר נאך דער בויד האט זיך בעוויזען א יונגע פרוי בארוויס, די האר פונאנדערגעלאזט, דאס געזיכט פערדעקט און אויפ׳ן קאפ אש. זי איז געגאנגען טריט ביי טריט, די האנד אראבגעלאזט ווי אהנמעכטיג.

דער המון איז געשטאנען שטיל, ערשטוינט. זיי האבען געזעהן קעניגליכע רייכטימער און פלוצלונג דאס געשטאלט פון דער אונגליקליכער פרוי וועלכע טרויערט אויף דעם אומגליק פון איהר פאלק.

אין א ווייל ארום האט זיך דערהערט א גערויש און א מיליטער-אבטיילונג איז ארויסגעגאנגען פון דעם פאלאץ, וואו עס האט געוואוינט דער רוימישער מיליטער-קאמאנדיר. פאראויס איז געגאנגען א יונגערמאן אין אנ׳אפיצירען - אנצוג. דער המון האט באלד פערגעסען אין דער טרויעריגער פרינצעסין און מיט בעגייסטערונג בעגריסט דעם יונגען פעלד הערר.

עס לעבע פלאוויאוס אספסיינוס! עס לעבע דער רוימישער העלד, עס לעבע דער צעזאר נעראן!

בירניקה איז געפאלען אויף די קניהען פאר דעם פעלד-הערר, אויפגעהויבען די הענד און געבעטען ביי איהם.

אספסייאוס האט געווארפען א בליק אויף דער גאנצער מחנה, וועלכע האט בעגלייט בירניקה׳ן און אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויזען א שמייכעל. דערנאך האט אספסיינוס זיך אנגעבויגען, אויפגעהויבען די פרינצעסין און זי צוגעפיהרט צום פאלאץ. ער האט אויך געווארפען א לאנגען בליק אויף דעם ארט, וואו בירניקה האט געקניהט פאר איהם...

— אזוי וועט קניהען ירושלים, אזוי וועט קניהען דאס גאנצע פאלק יהודה!

דורכ׳ן נעבעל האט אויפגעשיינט די זון און איהרע שטראהלען האבען בעגאסען דעם בארג חרמון.

דער וועכטער, וואס איז געשטאנען ביי דעם גליל-טויער אין עכו, האט געעפענט די טויערן, ארויסגעקוקט אויף דעם פעלד. ארום איז געווען שטיל, נאר דורך דעם נעבעל האבען זיך געהערט טריט פון א רייטער.

— די פויערים קומען געוויס אין שטאדט אריין, בייצוואוינען דעם פאראד, וואס וועט געמאכט ווערען פאר טיטוס׳ן, דעם יונגען רוימישען העלד. דאס פאלק איז אזוי פערנארט, אז עס פייערט אויך דעם נצחון פון די פיינד.

(פארטז. קומט).



יודען.

פון י. י. סיגאל.

עס נעהמט נישט קיין גרויסע צייט-איבערגאנגען און די וועלט דערמאהנט אונז, אז מיר זענען ביי איהר אין — גלות. אמאל פערמישט זי אונז איניינעם מיט א טייל פון איהרע אייגענע קינדער, וועלכע געהן נישט אין איהר „גלייכען וועג" און פערמשפ'ט אונז און שטראפט אונז מיט דער אייגענער בייטש, וואס זיי, און אמאל טיילט זי אונז אויס א בעזונדערן גזר-דין און נעהמט זיך צו אונזערע ביינער.

איך זאג אין דרך כלל: די וועלט און מיין עס טאקע כאטש בלויז א טייל, מאג זיין דער גרעסטער אדער ווענינגער ווי דער גרעסטער, האלט זיך תמיד אין איין רעכענען מיט אונז און שטענדיג, וויפיעל זי זאל פון אונז נישט אויפמאהנען, בלייבען מיר איהר נאך אלץ שולדיג א גרויסען חוב. די וועלט לערנט מיט אונז בלק פאר אונזער העזה, ווייזט אויס, זיך איינצושפארען און זיך האלטען מיט אלע כחות אין — זיך. אונזער קיום מאכט איהר ענג די רחבות, אונזער זיין, מאכט איהר שווערער, ווייזט אויס, איהר אייגען מלחמה-פלאנטער, וואס זי פיהרט מיט זיך אליין. היטלער האט זיך אבגעריסען פון דער קייט און זיך געווארפען אויף — די יודען און אויפ'ן מארקסיזם... ביידע שטערען איהם די היפטישע אמביציע, ביידע זענען איהם אין וועג-צוריק אין וואלד אריין. דער יוד איז איהם געווארען דאס בייזע קולטור-געוויסען, וואס געהט ארום אפען און פריי איבער די גאסען און דערלאזט נישט די שלאנג אינגאנצען צו זיין ווי זי איז, וויל היטלער דאס דאזיגע געוויסען אברוימען פון זיין וועג.

א שטיקעל צייט לאזט מען אונז צו רוה. ערשט נישט לאנג האט צו אונז זיך דערטראגען דאס געשריי פון אנ'אנדער טייל וועלט, וואו פון אנ'אנדער ווילדעניש האט זיך א חיה-מענש געווארפען אויף אונזערע ברידער. מיר האבען כאטש געוואוסט, אז אין די אזיאטישע געווילדען האט מען זיך געהארפט צוגרייטען מיט'ן געצייג זיך צו היטען און בעשיצען פון דער מענשליכער וואלד-בעשעפעניש דא, אבער אין דייטשלאנד, האט מען דאך געטראטען ממש אויף סאמעטענע קולטור-סטעזשקעס. מען האט דאך ממש אריינגעאטעמט די קולטור פון דער לופט, די שפראך, דער ווייכער טאן איהרער, דאס געפיהל, אז דער פליגעל פון אזא גרויסער פיגור ווי גצטע איז ווי אויסגעשפרייט איבער די קעפ פון יאהרהונדערטער, און דא נישט לאנג האט מען דאך טאקי געפראוועט דעם געטע-יום-טוב. א פאלק, וואס פרעהט זיך און יחוס'ט זיך און פארגעסט נישט אין איהר העכערען מענש, ווי עס גראמט זיך מיט'ן אומענדליכען יובל מיט ווילדען און מורא'דיגען געצענטאנץ ארום א בריאה, וואס איז די שרעקליכסטע אבלייקענונג פון דעם, מיט וואס דאס מינדעסטע ווארט פון געטע'ן איז פול און איבערגעלאדען.

אין א צייט פון רדיפות אויף יודען מאכט מען זיך ווייניג צימעס פון די אלע קולטור-שמאכטעס, שטארקערע, וויכטיגערע אינטערעסען און מעכטיגערע, העכערע בעלי-דעה אין דער וועלט האבען דאס ווארט — דעמאלס איז דער יחוס מיט נעמען א קנאפער. נישט ער האט געזאגט גרויסע דעות אפילו אין די טעג ווען ער איז געשטאנען קרוב למלכות... און איצט, נאך זיין טויט וועט זיך דער לעבעדיגער מיכל וועניג וואס אומקוקען, ווען מען וועט איהם מיט'ן פינגער אנווייזען אויף איהם, ער זאל האבען אביסעל אבשיי און דרך ארץ, מיט היטלער'ן שפילט מען זיך נישט אין הייליגקייטען. ער איז געקומען הייליגען די טומאה און די וואס שטופען איהם מיט דער האק פאראויס. זיי ווילען איהם אפילו אויף גאט אליין אנרייצען אין זייער ציטערניש פאר דער עגאאיסטישער פעל זייערער. טא וואס פאר א גרויסען ווערט וועט ביי זיי האבען א יוד, יודען, דאס איז דאך דער גאנגבארסטער מאטעריאל אויף וואס אנצורייצען די חיה, דעם נישט-ענטוויקעלטען, דעם אין תוך אפשר נישט אינגאנצען שולדיגען אין זיין טעמפקייט, פונקט ווי ער איז אומשולדיג אין זיין הונגערן, אין זיין צורייצט בלוט, אין צייטען פון אזעלכע ביטערע נויטען, איז ער דאך א געצייג, וואס ווייסט נישט אויף וועמען זיך צו ווארפען אין די, וואס זענען שולדיג ענטקעגען איהם, פערשטעהן שוין ווי איהם אבצוקערעווען און אויף וועמען איהם אנצורייצען.

דער היינטיגער שלעכטער וועלט איז ווי צוגעשיקט געוואוען דאס יודישע פאלק ווי א ציל-ברעט. זי ראטעוועט זיך אויפ'ן חשבון פון זיינע ענויים און יסורים. ווי ווייניג זיי פערשטעהען אונז, דערשמעקען זיי אבער, אז עפעס געהט מיט מיט אונז אזוינס, פארוואס זיי מוזען זיך אמאל שעהמען, נישט נאר אונזערע „טעארעטישע" צעהן-געבאט נאר אין אונז אליין זעהען זיי עפעס אזוינס, וואס ווארפט א ליכט אויף גרעניצען פון: מען טאר און מען טאר נישט. אין צייט פון נארמאלען טעמפ, אין זייער חבר'שאפט מיט אונז, ווילען זיי אונז אנטקעגענזינגען אונזער עטישקייט, אונזער גערעפטיגקייט-געדאנק, וואס מיר טראגען אריין אין דער וועלט. ווען די צייטען פערקרימען און פערפלאנטער'ן זיך, זענען זעהר ווייניג פון זיי אויף אונזער זייט... אויף דער זייט וואו מיר ווערען בעפאלען פון די אנגערייצטע הינט. וואו זענען זיי איצט, דייטשלאנד'ס גדולים? פאר וואס שווייגען זיי? מען האט נישט געהערט קיין ווארט פון פראטעסט פון טהאמאס מאן, ווען מען האט אין א דייטשער ביבליאטעק ארויסגעווארפען יאקאב וואסערמאנ'ס ווערק? מאן האט וועגען וואסערמאנ'ען געשריבען און האט א גוטע בעציהונג צו די יודען, וואס העלפען בויען די דייטשע מאדערנע ליטעראטור. מאן איז איינער פון די ווייניגע אייראפעאישע דיכטער, וואס קאנען און פערשטעהען דעם מהות פון יודענטום, האט זיך פערטיפט אין זייער געשיכטליכען גורל ארבייטענדיג אויף זיינע ביבלישע ווערק.

איז טאקע אזא פחד אנגעפאלען אויף די בעסטע און שעהנסטע מענשען פון דעם דייטשען פאלק? איז די דאזיגע מורא'דיגע פינסטערניש, די טייוועלשע רעאקציע ארגאניזירט מיט אזא שטאלענער האנד, אז עס האט אפגענומען דעם מוט ביי די סאמע מוטיגסטע? קומט טאקע פאר אין דייטשלאנד אזוינס, וואס וועט די וועלט א שטופ טון אויף עטליכע הונדערט יאהר צוריק? איז עס טאקע נאך מעגליך אזוינס אין אונזער היינטיגען טאג? קיין ענטפער הערט זיך פון ערגיץ נישט. און א שרעק נעמט ארום פאר דער מאכט, וואס לעגט איצט דעם ווינקעלשטיין פון א נייעם מיטעלאלטער. עס איז שווער זיך פארצושטעלען, אז דאס טרויעריגע פארגעפיהל זאל אינגאנצען זיין אמת.

און — מיר שטעהען מיט'ן פנים פאר א נייער אינקוויזיציע אין-דייטשלאנד. אייב די הריגות ווערען איצט אפגעשטעלט, נאך אונזער גרויסען וועלט-פראטעסט, הערט זיך שוין, אז היטלער מיט זיינע משרתים און אדונים גרייטען זיך אויף בלוטלאזער בלוטצאפעניש פון די יודען אין דייטשלאנד. ער וויל אומברענגען זיי אביסעל יודען, ער האט דאך עפיס צוגעזאגט; צוגעזאגט האט ער זיי א סך, נאר דאס סך קאן ער איצט נישט געבען זיינע מאכ־חברה, גיט ער זיי דערווייל דאס ביסעל יודען צו פערצוקערן,

אזא אפענער אנטיסעמיטיזם, אזא הפקר'דיגער, חוצפה'דיגער, זאאלאגישער יודען-האס, קאן זיך מיר נישט דערמאנען אין וועלכען ס'איז טרויעריגען קאפיטעל יודישער געשיכטע. און די טרייסט, וואס דארף קומען פון דעם בעסערען טייל וועלט פאר אונז, די, וואס וואלטען געדארפט אונז אויפ'ן מאמענט פון צוברעכענקייט שטארקען, אט די טרייסט שפעטיגט זיך אויך. אונזער פראטעסט איז געווען א שטארקער, א שטאלצער, ווי עס פאסט פאר אנ'אויסגעפרובט פאלק, אבער — קיינער, קיינער זעהט אונז נישט נאכ'ן פראטעסט, ווי דער שאטען פון אנ'אייביגען תשעה באב רוקט זיך שווער אריבער אונזערע קעפ און פלייצעס און אין דער מינוט פון אפרוהען זיך נאך אונזער געשריי, זיצען מיר געבויגענע, פערשעהמטע אין יאמערליכען שטימען טרויער.

איינשטיין גיט זיך אהן אונז אנ'עצה אבצולאכען פון היטלער'ן, פון אלע אונזערע פיינגער. וויפיעל צער, וויפיעל פערלוירענקייט עס ליגט אין דעם דאזיגען רעזיגנאציע-ראט פון אונזער איינשטיין, דער וועלט'ס גרעסטער וויסענשאפטסמאן פון דעם יאהרהונדערט און דייטשלאנד'ס יודישער בירגער, וועמעס פערלאזען הויז די נאציפאגראמשטשיקעס האבען אבגעשטאט א בעזוך און נעבעך, נעבעך, איינשטיינ'ען נישט געטראפען אין דער היים.

און איינשטיין? שמייכעלט — — —

„צדקה גדולה".

די פראגע וועגען פאראייניגען אלע געזעלשאפטליכע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, וואס זענען טעטיג אין אונזער שטאדט איז יעצט רייף געווארען.

אונזער שטאדט איז ספעציעל רייך אין אינסטיטוציעס, וועלכע נעמען ארום אלע געביעטען פון געזעלשאפטליכער שוץ און ארימער פערזארגונג. די אינסטיטוציעס זענען געבויט געווארען דורך יחידים, וועלכע האבען נישט געשפארט קיין מיה און געלד, בכדי זיי אהערצושטעלען מוסטערהאפט און ווען זיי זענען ארגאניזאציאנעל געווען גרייט צו דינען די נצרכים האבען די ארגאניזאטארען געזארגט וועגען מיטלען אויף אויסצוהאלטען זיי, אז זיי זאלען קאנען ווי געהעריג ערפולען די גענומענע אויף זיך אויפגאבען און ס'האבען געטראפען אויך יחידים, וועלכע האבען א לאנגע צייט אויסגעהאלטען אויף זייערע אייגענע פלייצעס די געפויטע דורך זיי אינסטיטוציעס. טשענסטאכאווער יודען האבען פערשטאנען אבצושאצען די מיה פון די פערדינסטפולע יחידים און האבען מיט א ברייטע האנד געשטיצט די אנשטאלטען, וואס האבען זיך טאקי קונה שם געווען אין גאנץ פוילען.

די פרוכטבארע און נוצליכע ארבייט פון די גרויסע פילאנטראפען האט געווירקט אויך כלפי-חוץ. דער מאגיסטראט און אפילו די צענטראלע רעגירונג האט, אלס צייכען פון אנערקענונג, סובסידירט, אויבוואהל אין א מינימאלער מאס, א רייהע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאדט און א טייל זאגאר האט בעקומען סובסידיעס, וואס האבען געדעקט א גרויסען טייל פון זייערע בודזשעטען.

דאס אלץ איז געווען אין די יאהרען פון „פראספעריטי", ווען מיר האבען געהאט די „פעטע" יאהרען און יעדער האט זיך געקענט ערלויבען צו צאהלען לטובת אלע שטאדטישע חברות.

נאך די „פעטע" יאהרען זענען אבער געקומען די מאגערע יאהרען, עס האט זיך געמאכט שלעכט און דאס האט זיך תיכף געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף דעם פינאנציעלען מצב פון די אינסטיטוציעס.

עס האט זיך דעריבער געשאפען א משונה'דיגע לאגע. אין דער זעלבער צייט ווען די אינסטיטוציעס דארפען פערדאפלען און פערדרייפאכען זייער טעטיגקייט, צוליעב דער נויט, וועלכע ס'האט גורם געווען דער עקאנאמישער קריזיס, וואס האט געבראנגט צו דער פאופעריזאציע פון די ברייטע מאסען, אין דער זעלבער צייט פערקלענערן זיך די הכנסות פון די אינסטיטוציעס און ס'זענען אבגעשטעלט געווארען די סובסידיעס מצד די קאמונאלע און רעגירונגס-ארגאנען.

עס איז קיין סוד נישט מעהר, אז דער רוב פון די געזעלשאפטען געפונט זיך אין א לאגע אהן אנ'אויסגאנג. די ארבייט ווערט אנגעפיהרט פון יחידים, נור דאס מאל נישט פערמעגליכע, ווי אין די אלטע גוטע צייטען, נור דורך איינצעלנע פערזאנען מיט א גוטען ווילען און א פיהלענד הארץ פאר די נויט און ליידען פון אנדערע און זיי שלעפען דאס אויף זייערע פלייצעס דעם גאנצען עול פון דער ארבייט, מעהרסטענטיילס אהן יעדער מיטהילף מצד די איבריגע פערוואלטונגס-מיטגלידער.

ביי די געשאפענע בעדינגונגען איז עס אנ'אונמעגליכע זאך צו קענען דערהאלטען די אינסטיטוציעס אפילו אין דעם וועגעטאציע-צושטאנד אין וועלכען זיי געפונען זיך היינט און אויב

וואס געהערט, וואס געזעהן.

היטלער נומער 2...

היטלער פערנעמט אין דער געשיכטע א גרעסערן ארט אפילו פון המנ'ען, ווארום יענער האט זיך נאר געטשעפעט צו די פערסישע יודען און דער היינטיגער המן וויל דאס וועלט-יודענטום אומברענגען. המן האט נישט געוואלט פיהרען קריג מיט'ן גאנצען כדור-הארץ. דאס אייניקעל היטלער וואלט אבער געוואלט, אז אלע זאלען ווערען זיינע אונטערטאנען!

המן האט געהאט א שווארצען סוף, היטלער אבער וועט ליידען נאך א גרעסערע מפלה, און אט די התחלה פון זיין סוף הויבט זיך שוין אן.

יודען בעצייכענען איהם אלס דעם אויסדרוק פון אלדאס בייז און געמיינהייט, און טאמער וויל איינער דעם אנדערען סטעמפלען, אז ער איז א שלאק, א כאם, א רשע מרושע, זאגט ער נישט מעהר, אז יענער איז היטלער נומער 2.

די לעצטע וואכען האבען מיר בעקומען א רייהע בריעף פון פערשידענע לעזער, וועלכע בעקלאגען זיך: איינער אויפ'ן בעל-הבית, וועלכער ווארפט איהם ארויס פון דער דירה, ווען ער רופט תיכף אן אלס „היטלער נומער 2". די יודישע טרעגער, וועלכע בעקומען נישט קיין ארבייט פון די יודישע סוחרים — איז עס א מעשה היטלער נומער 2. א מארק שטעהער האט אונטערגעשטעלט א קריסט, וועלכער זאל אויסדינגען די שטעל פון א יוד, פערשטעהט זיך, אז דאס קען טהון נאר היטלער נומער 2. איין יוד קאנקורירט מיט'ן צווייטען, איז עס נישט מעשה היטלער?...

מיט איין ווארט, אלץ וואס געשעהט בין אדם להברו און עס איז נישט מענשליך, ווערט עס אנגערופען: מעשה-היטלער.

פון היינט אן וועט מען שוין נישט זאגען, מעשה זמרי, ער איז א המן, א קרח, נאר: היטלער, מעשה-היטלער, היטלער נומער 2...

פארוואס נישט כאטש איין יודיש ווארט?

יענע וואך איז דורכ'ן יודישען אנטי-היטלער-קאמיטעט איינגעאָרדענט געווארען א פראטעסט-מיטינג אין שייכות מיט'ן פארגעקומענעם אויטא-דא-פע אויפ'ן יודישען גייסט אין דייטשלאנד.

דאכט זיך זעהר פיין און לאגיש, איז עס אבער נאך נישט אלץ ווי געהעריג; פארוואס איז צווישען די 4 רעדנער נישט געווען כאטש איינער, וועלכער זאל ארויסטרעטען מיט א יודיש ווארט?

אויף דעם דאזיגען מיטינג זענען דאך געווען יודען פון א גאנץ יאהר, טא פארוואס האט מען נישט גערעדט צו זיי אויף יודיש? אוודאי קען מען נישט פאדערן פון א ד"ר באטאוויע, אז ער זאל רעדען יודיש, אבער די אנדערע רעדנער קאנען דאך יא אונזער מאמע לשון, טא פארוואס פערלייקענט מען אונזער שפראך, פארוואס באיקאטירען מיר קודם-כל זיך אליין?

ביי דער געלעגענהייט וויל איך בעמערקען, אז דעמזעלבען טאג איז אויך פארגעקומען אזא עהנליכער פראטעסט-מיטינג אין אלע אנדערע שטעדט אין פוילען, טא ווייזט מיר איין איינציגע שטאדט, וואו מען זאל אויך נישט האבען גערעדט אויף יודיש. אין ווארשא, למשל, איז פארגעקומען אזא מיטינג, אויף וועלכען ס'זענען אויך ארויסגעטרעטען קריסטליכע געלעהרטע, פונדעסטוועגען זענען עטליכע רעדעס געהאלטען געווארען אין דער יודישער שפראך, ווער שמועסט אין ווילנא, ווי עס דערצעהלט מיר אונזערס א בן-עיר, וועלכער איז צופעליג געווען אנוועזענד אויפ'ן מיטינג, אויף וועלכען עס זענען ארויסגעטרעטען אזעלכע בעקאנטע יודען, ווי: דר. וויגאדזקי, א. מארעווסקי א. א., האבען אלע גערעדט יודיש, ווייל כדי צו דעמאנסטרירען אונזער וועה, אונזערע צרות, קאן מען עס נאר אויסדריקען אין יודיש. און ביי אונז?

איך וויל נישט זיין קיין הונדערט פראצענטיגער שאוויניסט און זאגען, אז מען טאר נישט רעדען קיין פויליש, אבער לכל הפחות, איין רעדנער אויף אזא מיטינג מעג דאך רעדען יודיש.

די ה"ה פונ'ם דאזיגען קאמיטעט האבען געדארפט פערשטעהן, אז עס וואלט נישט אבגעקומען פון זייער הויכער אינטעליגענץ, ווען איין רעדנער וואלט ארויסגעטרעטען אין יודיש.

זיי מיידען אויך אויס יודישע ארבייט.

די יודישע הויזוויירטהער בעקלאגען זיך לעצטענס זעהר שטארק אויף די יודישע [illegible], וועלכע מיידען אויס די יודישע בעלי-מלאכות.

ווען מיר זאלען פערצייכענען יעדען איינצעלנעם פאקט, וואלטען מיר נישט געקענט וועגען עפיס אנדערש שרייבען, ווייל די צייטונג וואלט געווען פול מיט די דאזיגע „נייעסען". די דאזיגע „שענע" יודען נעמען אנטייל אין היגען געזעלשאפטליכען לעבען, זיי פרעדיגען וועגען נאציאנאלען כבוד, קיום-האומה און נאך אזעלכע הויכע פראזען און דאס אלץ אזוי לאנג ביז עס ריהרט נישט אן זייער אייגענע קעשענע.

איינגאנצען אדורכלאזען קען מען אבער אזעלכע פאלען נישט און פון צייט-צו-צייט וועל איך דעריבער ברענגען א ביסעל פאקטען פון דעם מין.

ער האט זי גערופען אשת-איש?

אין ראבינאט איז יענע וואך געקומען האשה הצנועה מרת מרים דבורה מיט אנ'אנקלאגע געגען א היגען בעל-הבית, אז ער האט זי מבזה געווען און בפני קהל ועדה געזאגט, אז זי איז אנ'אשת איש...

ווען דער דיין האט זי בערוהיגט, אז אשת איש איז נישט קיין זידעלווארט און אז זיין אייגען ווייב, די דיינ'טע איז אויך אנ'אשת איש, האט די יודענע זיך נישט געוואלט בערוהיגען, נאר ווייטער געפאדערט, אז מען זאל יענעם קנס'ן פאר מוציא שם-רע זיין אויף אנ'ערליכע יודישע פרוי.

מרת מרים דבורה איז היינט אנ'אלמנה נאכ'ן פערשטארבענעם ר' וואלף,

דער מצב וועט נישט ראַדיקאַל געענדערט ווערן וועלען די אַלע נויצליכע — און מיט שווייס געבויטע — אנשטאַלטען אונטערגעהן.

טשענסטאָכאָווער יודען טאָרען צו דעם נישט דערלאָזען. ס'מוז זיך דעריבער געפינען מענשען מיט איניציאַטיוו, וואָס זאָלען אַדורכפיהרען די פעראייניגונג פון די אַלע עקזיסטירענדע ביי אינז אין שטאָדט געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. דאַדורך וועט איינגעשפּאָרט ווערען פיעל אונפּראָדוקטיווע אויסגאַבען, וואָס זענען פערבינדען מיט פיהרען בעזונדערע סעקרעטאַריאַטען און אויסהאַלטען בעזונדערע לאָקאַלען און אַנדערע אַדמיניסטראַציע-הוצאות.

אַזאַ פעראייניגטע געזעלשאַפט, וואָס וועט אַרומנעמען אַלע קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס אין טשענסטאָכאָוו, וועט זיכער געווינען די סימפּאַטיעס פון אַלע טשענסטאָכאָווער יודען און וועט אויך קענען אַרויסטרעטען כלפּי-חוץ צו דעם מאַגיסטראַט און דער רעגירונג וועגען אונטערשטיצען די געזעלשאַפט וועלכע פערטרעט אין איהר טעטיגקייט די קאָמונאַלע און רעגירונגס-אָרגאַנען, וואָס דאַרפען זאָרגען פאַר'ן וואויל פון אַלע בירגער אָהן אונטערשיד פון גלויבען און נאַציע.

אַ מוסטער פון אַזאַ מין פעראייניגטער געזעלשאַפט האָבען מיר אין ווילנא, וואו ס'עקזיסטירט איין „צדקה גדולה“ חברה. די חברה פערמאָגט פיעל אייגענע געביידעס און אַנשטאַלטען מאָדערן-איינגעאָרדענט, וועלכע בעקומען אויך רעגירונגס-סובסידיעס.

מיט אַזאַ פעראייניגטער אינסטיטוציע, וואו ס'וועלען פערשווינדען די כבודים-טיילעריי, ווייל ס'וועלען נישט זיין אַזוי פיעל פּרעזעסען און אַנדערע בענקלעך, וועלען זיך אויך רעכענען אונזערע ברידער, וואָס וואוינען אין לענדער, וואו די יודען זענען בעסער סיטואירט.

עס דאַרפען זיך נאָר געפינען יחידים מיט אַ ווילען און דער עיקר מיט איניציאַטיוו און דער ענין וועט צושטאַנד קומען.

ב.

אינזש. ה. ווילטשינסקי.

אויך עליות ווערען פערפאַכטעט

(פון דער סעריע „ליציטאַציעס אויף קהלה'שע הכנסות“)

(סוף).

נישט געקוקט דעריוף, וואָס די קהלה האָט זיך בעמיהט ביים שליסען די אָבמאַכען מיט די פּאַכטערס צו בעוואָרענען זיך אויף וויפיעל ס'האָט זיך נאָר געלאָזען, איז דאָך נישט געלונגען אויסצומיידען געוויסע מיסברויכען, מחמת וואָס עס זענען ענטשטאַנען מחלוקות אין שטאָדט.

ביים סוף פון די 30-ער יאָהרען פון פּאָריגען יאָהרהונדערט האָבען זיך אין טשענסטאָכאָוו אַ חוץ דער שטאָדט-שוהל און בית-המדרש נאָך געפונען אַנדערע בתי-תפילות. אַזוי געפינט זיך אין די סטאַטוטען פונ'ם טשענסטאָכאָווער יודישען שפּיידער-צעך, וועלכער שטאַמט פונ'ם יאָהר 1814 (תקע"ד), אַ פּאַראַגראַף, אַז די קהלה ערלויבט דער חברה חייטים „צו בעשטימען זיך אַ בעזונדער אָרט צום לייענען אין אַ ספר-תורה אין שבת און יום-טוב“ עטצ. אַ חוץ אַט דער חברה זענען נאָך פערהאַן געווען מנינים: 1) ביי די בערמאַנעס, וועלכעס איז געווען דאָס עלטסטע אין שטאָדט און געשטאַמט פון די צייטען פאַר'ן אויפבוי פון דער שטאָדט-שוהל; 2) דאָס ערשטע חסידים-שטיבעל, געגרינדעט אין די דרייסיגער יאָהרען פון 19-טען יאָהרהונדערט און 3) די שוהל פון ר' יונה לאַנדוי.

וואָס שייך דעם לעצטען מנין, האָט אין טשענסטאָכאָוו געוואוינט דער געוועזענער שטשעקאָטשינער רב ר' יונה לאַנדוי, אַ למדן געוועהנליך, אָבער אויך אַ גרויסער גביר. ר' יונה לאַנדוי האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען און מ'שטויסט זיך אָן אויף איהם אין די אַרכיוו-דאָקומענטען, אַמאָל אַלס „דזיערזשאַווצע“ פון דער פּראָפּינאַציע אין אַלט-טשענסטאָכאָוו, אַמאָל אַלס פּאַכטער פון דער „קאַראָבקע“ אויף כשר פליישׁ, אַמאָל אַלס לעפעל-פאַבריקאַנט. זעהט זיך אויס, אַז דאָס פיהרען רבנות האָט זיך איהם נישט געלוינט, פּראַווען אָבער רבנות ביי זיך האָט ער יאָ געוואָלט און דעריבער געשאַפען זיך אַ מנין ביי זיך אין הויז, וועלכעס האָט זיך געפונען אויף נאַדזשעטשנאַ גאַס, היינט נ. 12. היות צום פּאַכטער פון די מצוות האָבען געהערט די הכנסות פון אַלע בתי-תפילות אין שטאָדט, האָט ער געוואָלט טעראָריזירען ר' יונה'ן, אַלס געוועזענער רב האָט ר' יונה פּרעטענדירט אויף שלישי ביי זיך אין מנין, דער פּאַכטער אָבער האָט עס געוואָלט אויסנוצען און אַרויפגעשרויפט דעם פּרייז דעריוף.

קיין שלום איז אויך נישט פערהאַן געווען צווישען פּאַכטער און דעם עולם פון חסידים-שטיבעל. אַז ער האָט געוואָלט אויפשרויפען די פּרייזען, האָבען די חסידים בכלל נישט געוואָלט קויפען קיין עליות. דאַמאָלס האָט דער פּאַכטער געעבערענגט זיינע מענשען פון גאַס און זיי פערקויפט אָדער געטיילט מצוות, אָדער אויך ער האָט להכעיס דעם עולם געשיקט עפּעס אַ לאָבוז און געגומען ליציטירען עליות אינמיטען דאַווענען.

מחמת די גרויסע מחלוקות איז געוואָרען בעשלאָסען, אַז אין די יאָהרען 1840-42 זאָלען די מצוות ביים ספר-תורה נישט מעהר פערפּאַכטעט ווערען, נאָר מ'זאָל דער קהלה די הכנסה דערפון זיכערען דורך מאַכען אַ צוגאַבעטאַקס. במשך אָבער שוין פונ'ם ערשטען יאָהר 1840 איז ביים עולם ווידער אַמאָל ענטשטאַנען אַ גרויסע אונצופרידענהייט מיט אַזאַ אופן פון דעקען די הכנסות פון עליות און מ'איז צוריק איבערגעגאַנגען צום פּאַכט-סיסטעם אָבער מיט בעוואָרענישען. די ליציטאַציע אויף די יאָהרען 2—1841 איז פאָרגעקומען דעם 15 נאָוועמבער 1840 און בעגינען פון 663 גילדען.

צו די אויבען שוין דערמאָנטע בעדינגונגען פון די פריהערדיגע יאָהרען זענען צוגעגעבען געוואָרען עטליכע נייע פּאַראַגראַפען, נעמליך, אַז אַ חוץ די שוין בעקאַנטע בתי-תפילות, ווי די שטאָדט-שוהל, בית-המדרש, חברה חייטים, חסידים-שטיבעל, ביי די בערמאַנעס און ביי ר' יונה לאַנדוי, טאָר מען אין ערגיץ נישט דאַווענען און לייענען. אויב די דריי צולעצט דערמאַנטע מנינים ווילען פּריי לייענען ביי זיך, מוזען זיי מושוה ווערען מיט'ן פּאַכטער וועגען אַ יעהרליכען אָבצאָהל פון די מצוות. טאָמער וועלען זיי נישט קענען אַדורכקומען צווישען זיך, דאַמאָלס איז דעם פּאַכטער ערלויבט צו שיקען אויף זיין חשבון זיינס אַ מענש אין די דאָזיגע בתי-תפילות צו ליציטירען די מצוות. אויב די מתפּללים וועלען זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און פערביסען און בשום אופן נישט וועלען קויפען קיין עליות דאַמאָלס האָט דער פּאַכטער דאָס רעכט אַריינצורופען זיינע בעקאַנטע, גאָרנישט צוגעהעריגע צום מנין, און זיי פערקויפען אָדער שענקען מצוות. דערביי האָט קיין שום בית-התפילה נישט געהאַט דאָס רעכט צו פּראָטעסטירען געגען אַזאַ האַנדלונג פונ'ם פּאַכטער אָדער אַרויסצושטעלען פּרעטענסיעס צו קהל. פון דער אַנדערער זייט האָט מען פערפּליכטעט דעם פּאַכטער נישט צו שיקאַנירען די מתפּללים פון די דריי דערמאָנטע מנינים, למשל דורך שיקען אַהין צו ליציטירען עפּיס אַ לאָבוז, נאָר אַן אָנשטענדיגען מענש און אַז דאָס ליציטירען זאָל פאָרקומען אין דער געהעריגער צייט.

אַ בעזונדערע קלאַוזול זעהט נאָך פאָר, אַז דאָס שליסען אַן אָבמאַך צווישען פּאַכטער און אַ פּריוואַטען מניך וועט זיין אָבהענגיג נישט פון איהם אַליין, נאָר אויך פון די דאָזאָרעס און צו זייער וואונש וועט ער זיך מוזען צופּאַסען.

צו דער ליציטאַציע האָבען זיך געמאָלדען: יעקב זיידעמאַן, וואָלף יונה לאַנדוי און פּנחס בראַצקי, וועלכע האָבען בעלייגט קויציעס. קענענדיג די משפּחות: זיידעמאַנ'ס און לאַנדוי'ס, דאַרף מען זיך משער זיין, אַז די ערשטע צוויי ליציטאַנטען זענען געווען אונטערגעשטעלטע דורך בראַצקי'ס געגנער.

נאָך 15 ליציטאַציע-רונדעס איז דער פּרייז פון די אָנפאַנגליכע 663 גילדען דערגאַנגען ביז 756. דאַמאָלס איז צוגעטרעטען צו דער ליציטאַציע דער שטשעקאָטשינער רב ר' יונה לאַנדוי און פאָרגעשלאָגען 800 גילדען יעהרליכען אָבצאָהל, אויב מ'וועט ביי איהם לאָזען די חזקה אויף שלישי ביי זיך אין מנין. וויות ר' יונה האָט אין די יאָהרען פון 1825 ביז 1839, ווען די טשענסטאָכאָווער קהלה האָט נישט געהאַט קיין רב, פערטרעטען אַזעלכען אין נויט-פאַל און בכלל געטון פיעל לטובת הכלל, און היות קיינער פון די פערזאַמעלטע איז נישט געווען דאַגעגען, צו לאָזען די דאָזיגע חזקה ביים געוועזענעם רב, זענען די דאָזאָרעס מסכים געווען דעריוף און צוגעגעבען אַ פּאַסוס אינ'ם 7 §, אַז ר' יונה'ן איז דערלויבט צו בעקומען בחנם אין זיין שוהל שלישי אין שבתים און ימים-טובים. דערמיט אָבער האָט מען געגעבען דעם וויכטיגען שטויס פּנחס בראַצקי'ן, געגען וועלכען די ליציטאַציע איז געווען געווענדעט, און ער גופא האָט זיך אָבגעזאָגט אַפּטיילצונעמען אין דער ווייטערדיגער ליציטאַציע. דערצו האָבען דאָך טאַקע אַלע געשטרעבט און די „דזיערזשאַווע“ פון מצוות איז געבליבען ביי ר' יונה'ן פאַר'ן פּרייז פון 804 גילדען.

תיכף האָט ר' יונה לאַנדוי אָבגעגעבען פאָלגענדע ערקלערונג:

„כאָטש די „דזיערזשאַווע“ פון עליות איז געבליבען ביי מיר, טראַכט איך לחלוטין נישט צו ציהען פון איהר הכנסות. ווילענדיג אָבער ווייזען, אַז איך שטרעב צו שלום און בין אויסען נאָר דעם טובת הכלל, און בכדי אויך אַז אין דער קהלה זאָלען נישט זיין קיין מחלוקת דורך די פּאַכטערס פון די מצוות, שענק איך אַוועק אַלע הכנסות, וועלכע וועלען איבערשטייגען דאָס פּאַכט-געלד, פאַר קהל. איך דערלויב אויך, אַז די דאָזאָרעס זאָלען אָנפיהרען מיט דער אַדמיניסטראַציע פון די מצוות. טאָמער וועלען זיין היזקות בלייב איך פעראַנטוואָרטליך פאַר זיי“.

דעם דאָזיגען פּראָטאָקאָל האָבען אונטערגעחתמ'ט די דאָזאָרעס: ציגע ברעשעל און איצעק זיידעמאַן.

זייט דאַמאָלס זענען מיסברויכען מצד די פּאַכטערס נישט מעהר פאָרגעקומען.

וועלכער האָט געוואוינט אין אָסטראָוו (בלאַכאָווניע), און ווען ר' שמואל צ. האָט אין אַ שפּאַס געזאָגט, אַז זי איז געווען אַנ'אשת איש האָט זי עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען און זי פאָדערט דערפאַר אויף איהם אַרויסצוגעבען אַ פּסק.

עס העלפט נישט זי איבערצוציגען, אַז זי איז דאָך פּאַקטיש געווען אַנ'אשת איש און אַז דאָס איז נישט קיין שום בעליידיגונג, זי האַלט זיך ביי ס'איהריגע, זי וועט מרעיש-עולם זיין ביז מען וועט נישט אַראָבנעמען דעם פלעק, וואָס מען האָט אויף איהר געוואָרפען...

— אויב דאָס בית-דין וועט זיך פאַר מיר נישט אָננעמען — שרייט זי — וועלען מיינע אבות זיך פאַר מיר מיהען און וועלען מיין שאַנדע נישט שווייגען.

מיט וואָס די דאָזיגע דין תורה וועט זיך ענדיגען איז נאָך נישט בעוואוסט.

פּחדנישע לאַבוזעס.

אונזערע היימישע היטלעריסטען האָבען נישט קיין כח עפענטליך אַרויסצוטרעטען געגען יודען, מורא האָבענדיג פאַר די פּאָליציייאישע גומי-פּאַלקעס און טהוען דעריבער דאָס אין דער נאַכט-פינסטערניש. און נוקם זענען זיי זיך אין היילינקייטען, וועלכע קאָנען זיך נישט זיי אַקעגענשטעלען.

נאָך 12 ביינאַכט זאַמלען זיך צונויף עטליכע לאַבוזעס און האַקען אויס די שויבען אין דער נייער סינאַגאָגע און דערמיט האָבען זיי זייער היילינגע מיסיע ערפּולט...

דאָס זענען נישט קיין העלדען, נאָר פּחדנ'ישע לאַבוזעס.

פאַר'ן פאַטערלאַנד.

אין דער אַקציע פאַר'ן „לאָפּ“, וועלכע קומט פאָר אַ גאַנצע וואָך האָבען אַנטייל גענומען אַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, סיי קריסטען, סיי יודען.

ביי מאַנכע טישלעך אין דער יודישער געגענד זענען געזעסען יודען און פערקויפט די אָבצייכנונגען, אין דער קריסטליכער געגנד האָבען קריסטען פערקויפט די אָבצייכנונגען; אַלע האָבען געקויפט, אַלע האָבען געהאַט דאָס בעוואוסטזיין, אַז זיי ערפילען זייער בירגערליכען חוב.

איבערהויפּט לעצטענס, ווען פון מערב דראָהט דער ווילדער היטלער, איז אומבעדינגט נויטיג איהם צו האַלטען אין דער צוים און ווייזען, אַז ער זאָל מוזען זיינע אַפּעטיטען אַ ביסעל איינשטילען.

דער מאַרש איבער די אַלעען פון די „לאָפּ“ דרוזשינעס אין די מאַסקעס, מאַכט נאָר אַ אומהיימליכען איינדרוק, נעמענדיג אָבער אין אַכט, אַז דאָס איז אין דער איצטיגער צייט אַ נויטוועדיגקייט, מאַכט מען מיט'ן דאָזיגען געדאַנק אויך שלום.

אין דער אַרבייט פאַר'ן „לאָפּ“ נעמען אַלע אָהן אויסנאַהם בירגער אַנטייל, ווייל דאָס אין דער געבאָט פון דער שעה און פאַר'ן וואויל פון פאַטערלאַנד.

„איך האָב נישט קיין שייכות מיט יענעם ראָזענבערג'ן...“

פון קהלה - פּרעזעס ה' ראָזענבערג האָבען מיר די דאָזיגע מיטטיילונג נישט בעקומען, נאָר דאָך דריקען מיר זי אָב...

מ ע ל ד ו נ ג.

חיות זיי אין דער פּרעסע האָבען זיך לעצטענס בעוויזען נאָטיצען וועגען עפּיס אַ ראָזענבערג, וועלכער איז געפאָהרען אין שליחות פון דער היטלער-רעגירונג קיין לאָנדאָן און ער האָט דאָרט געוואָלט בעקומען אַ מיאוס'ען פּסק, ערקלער איך, אַז איך האָב נישט קיין שייכות מיט דער דאָזיגער בריאה, וועלכע טראָגט מיין פאַמיליען-נאָמען.

איך בין טאַקי לעצטענס נישט היעגעווען, אָבער איך בין נישט געווען אין לאָנדאָן, איך בין גאָר געווען סך-הכל אין סעקרעטאַרטשיק'ס מדינה.

ווי איך האָב זיך דערוואוסט הייסט יענער אַלפרעד ראָזענבערג און איך, ווי איהר ווייסט —

יעקב בענדעט ראָזענבערג.

יעמוד „עמך“.

אונזערע ברייטע מאַסען, דאָס האַנדוועקער-פאָלק, דער „עמך“, האָט די וואָך געהאַט זיין יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג.

צעהנדליגער פערזאַמלונגען קומען פאָר אין משך פון יאָהר און קיין איינע איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי לעבעדיג, ווי די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די האַנדווערקער.

קודם כל האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז די פערזאַמלונג זאָל זיך ענדיגען אין איין אָווענד, שטענדיג מוז זיין: פּאָרטזעצונג קומט און אַמאָל זאָגאַר עטליכע פּאָרטזעצונגען. דאָס מאָל איז נאָך אַדורכגעגאַנגען מיט חסד, סך-הכל 2 אָוונדען, וועלכע האָבען זיך געצויגען אַ שטיק נאָך חצות און די פערזאַמלונג איז מיט מזל פערענדיגט געוואָרען.

דערפאַר אָבער הערט מען זיך שוין אָן אויף אַזאַ פערזאַמלונג, וואו יעדער מוז רעדען, וואו אַלע האַלטען זיך פאַר קענער פון דער רעדנער - קונסט און יעדער האַלט פאַר אַ פערברעכען אויב ער וועט נישט אויסזאָגען זיין „וועהטאָג“ פאַר דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג.

הקיצור, מען האָט גערעדט און געדבר'ט, כאָטש אַלץ איז געבליבען ביים אַלטען. דער בעשלוס וועגען אויסדריקען אַבסאָלוטאָריום דער אַלטער פערוואַלטונג איז געוואָרען אָנגענומען איינשטימיג, פאַרדאָן, אויסער איינעם, וועלכער האָט מיטגעבערענגט ס'ווייב און ביידע האָבען געשטימט געגען — אפשר דערפאַר, ווייל דער אָפּאָזיציאָנער האַלט נישט פון קיין לעבעדיגע (ער איז אַ מצבה-קריצער), ס'איז אויך געבליבען די אַלטע פערוואַלטונג, דער עיקר אָבער: רעדען, איז גערעדט געוואָרען אָהן אַ שיעור.

צווישען אונז געשמועסט שטעל איך זיך נישט פאָר, אַז אונזער „עמך“ זאָל קאָנען אָבהאַלטען אַ פערזאַמלונג און נישט האַקען קיין 10-מעטערדיגע טשייניקעס...

וועגען וואָס האָט מען אַלץ נישט גערעדט: וועגען „הויך-פּאָליטיק“, „מיטעל פּאָליטיק“ און דער עיקר וועגען דער שרעקליכער נויט, וואָס הערשט צווישען די יודישע האַנדווערקער-מאַסען.

צוויי נעכט האָב איך פערבראַכט ביי „עמך“ און דעם אמת זאָגענדיג האָב איך ליבער זייערע פערזאַמלונגען, וועלכע געהן אַדורך מיט שטורם און טעמפּעראַמענט.

איך האָב זיי גערן די „עמך“.

די אמת'ע קינסטלער האָבען נישט קיין הצלחה.

לעצטענס האָט טשענסטאָכאָוו נישט געהאַט קיין הצלחה צו אמת'ע קינסטלערישע פאָרשטעלונגען.

די גרעסערע אימפּרעזעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען די לעצטע צייט, ווי למשל פון „אַררט“, דאָן אַלאַ לילית און וו. גאַדיק און די אויפטריטען פון באַראַטאָוו'ן, וואָס זענען שטענדיג געווען אַ געשעהעניש פאַר די טעאַטער-בעזוכער און געבליבען אַלעמען לאַנג אין זכרון, זענען אויסגעפאַלען זעהר שלעכט און האָבען ענטוישט די צושויער.

גראַד זענען די אויפטריטען פאָרגעקומען אין די גרעסטע זאַלען פון שטאָדט און דער יודישער עולם, וועלכער האָט זיי שטאַרק בעזוכט האָט פון זיי קיין הנאה נישט געהאַט.

דאַגעגען איז לעצטען פרייטאַג געווען אין טשענסטאָכאָוו די טענצערין יהודית בערג, וועלכער איז איינער פון די געצעהלטע קינסטלערינס אויפ'ן דאָזיגעביעט און אונדעסטוועגען איז אין טעאַטער געקומען אַ גאָר קליינער עולם.

אַזאַ יודישע קינסטלערין איז אַ זעלטענהייט און דאָך האָט זי נישט געהאַט קיין הצלחה, אַז מען וויל אפילו קאָן מען דאָס אויפטייטשען, ווי מען וויל, דהיינו, אַז זי איז נישט געווען פּאָפּולער, אַז די פריהערדיגע אימפּרעזעס האָבען פעריאָגט דעם עולם פונ'ם יודישען טעאַטער. אַ פּאַקט איז אָבער, אַז טאָמער קומט צו אונז אַ גרויסער קינסטלער האָט ער נישט קיין הצלחה.

קויפט דעם שקל.

די פאָרבערייטונג צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט זיך שוין אָנגעהויבען.

אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען האָבען זיך דערווייל גענומען צו פערקויפען שקלים.

יעדער וויל אַלץ פערקויפען וואָס מעהר שקלים, ווארום כאָטש מען אַגיטירט נאָך נישט פאַר וועלכע ליסטע יענער זאָל שטימען, אָבער בלויז דער פּאַקט, אַז דאָס פערקויפען יענעם אַ שקל, גיט שוין די מעגליכקייט שפּעטער — ווען דאָס וועט זיין נויטיג — צו קומען צו איהם און צו אַגיטירען פאַר דער אייגענער ליסטע.

די ריכטונגען אין ציוניזם זענען היינט מעהר ווי אַלע מאָל בולט'ר און זענען דיפערענצירט; אַזוי קעמפען אויף לעבען און טויט די „רעוויזיאָניסטען“ מיט די „הסתדרות“. וואָס זענען פייער מיט וואַסער. אויך אַלע אַנדערע ריכטונגען ווילען האָבען די העגעמאָניע אויפ'ן קאָנגרעס, וועלכער וועט זיין אַ היסטאָרישער און וועט צוליעב דער אַנגעוועטאַגטער לאַגע פון יודישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, מוזען זאָגען זיין וואַגיג וואָרט.

צווישען די רעוויזיאַניסטען גופא איז אָבער דער ענין אויך נאָך נישט קלאָר. דערווייל קעמפען די זשאַבאָטינסקי'ס לייט מיט די גראָסמאַניסטען, און זיי ווייסען נאָך נישט צי עס וועט זיין אַ איינהייטליכע ליסטע פון אַלע רעוויזיאַניסטען אָדער זיי וועלען אַליין דאַרפען צווישען זיך פיהרען אַ מלחמה.

ווי זיי אַליין דערצעהלען זענען זיי פּעסימיסטיש געשטימט און וואַרטען נאָר אויף אַ נס, וואָס זאָל זייערע פּערעקשנ'טע פיהרער פעראייניגען.

דערווייל אָבער קאָכט ווי אין אַ קעסיל אין ציוניסטישען וועלטיל צווישען אַלע זיינע ריכטונגען, און אַלע האָבען איצט נאָר איין אויפגאַבע: צו פערקויפען דעם שקל.

לויתן

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד.

פערגאנגענעם שבת און זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער פערבאנד.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ד"ר ה. גייסלער.

אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט א. יארקאווינע; בייזיצענדע: י. ווייס, לאריע, שלעזינגער און ראזענבלום; סעקרעטארען: מאג. זארסקי און א. וויענער.

ה' וויענער לעזט דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכער ווערט אנגענומען.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב וויצע פרעזעס א. דזיאלאווסקי. דער בעריכט נעמט ארום די גאנצע פערצווייגטע ארבייט פון האנדווערקער פערבאנד, וועלכער שפּיעלט א גרויסע ראלע ביי אונז אין שטאדט אויף אלע געביעטען פון ווירטשאפטליכען און געזעלשאפטליכען לעבען.

ה' ד. בעקלאגט זיך אבער אויף די גלייכגילטיגקייט פון די מיטגלידער, וועלכע טראגען נישט אריין זייער מיטגלידס-אבצאהל, וואס בעשווערט די מאטעריעלע לאגע פון פעראיין.

דער בעריכטס-אבגעבער שטעלט זיך דאן אב אויף די דעטיילען פון דער ארבייט, וועגען די זיצונגען און אויף די ערלעדיגטע ענינים.

דער בילאנס בעטרעפט אין משך פון די 10 חדשים די סומע פון 6.273.52 זלאטעס.

ה' ש. גיעמיראווסקי רעפערירט וועגען דער קאאפעראטיווער בעוועגונג בכלל און וועגען דער קאאפעראטיווער בעוועגונג אין אונזער שטאדט.

ה' קאץ גיט אב א לענגערען בעריכט פון דער האנדווערקער-קאמער, ה' דזיאלאוויטש — פון דער קאמונאלער קאסע, ה' גאלדבערג — וועגען קאמף מיט דער עלעקטראווניע.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: ווייס, לעווקאוויטש, גליקסמאן, פלאמענבוים, זיידמאן, סידיצקי, פיש, שענוואלד, דעריעס, פרידמאן, מיטלער יארקאווינע א. א.

די דיסקוסיע איז מעהרסטענטייל געווען געפיהרט וועגען שטייער-פראגען און קהלה-ענינים.

ה' דזיאלאווסקי ענטפערט אב אלע אפאנענטען און אין רעזולטאט ווערט דער בעריכט אנגענומען און עס ווערט אויסגעדריקט אבסאלוטאריום דער אבטרעטענדער פערוואלטונג און א דאנק פאר זייער אונערמידליכער ארבייט.

די וואהלען האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט. אין דער פערוואלטונג: ד"ר גייסלער, א. דזיאלאווסקי, ד. דזיאלאוויטש, י. גאלדבערג, ש. קאץ, ב. שטיבעל, מ. קאץ, ברוין, ה. פרייערמויער, פייגענבלאט און קאניעצפאלער.

קאנדידאטען: פ. סידיצקי, לאריע און א. גרייצער.

צום סוף ווערט אויך אויסגעדריקט א דאנק און אנערקענונג דער קהלה-פראקציע פאר זייער טיכטיגע ארבייט אויפ'ן קהלה-געביעט לטובת די יודישע האנדווערקער-מאסען.

די אינטערעסאנטע פארלעזונג פון דעפ. פ. ראטענשטרייך.

פערגאנגענעם דינסטאג האט אין קינא-טעאטער „אטלאנטיק" געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטען רעפעראט דער בעקאנטער עקאנאמיקער און גלענצענדער רעדנער דעפ. פ. ראטענשטרייך פון לעמבערג.

דער פרעלעגענט האט אין א זעהר פאפולערער פאלקס שפּראך ענטוויקעלט דעם מהות פון איצטיגען ווירטשאפטליכען קריזיס אין דער גארער וועלט און דעם ווירטשאפטליכען חורבן פון דעם יודישען סוחר'טום.

דער רעדנער האט ענטוויקעלט דעם פראגראם פון דער אינטערנאציאנאלער מינדערהייטס-קאנפערענץ, וועלכע דארף אין די נאנטסטע טעג פארקומען מיט'ן אנטייל פון אלע מינדערהייטען און די פאדערונגען מיט וועלכע מיר יודען דארפען קומען צו דער דאזיגער קאנפערענץ.

די איינציגע לעזונג פון דער יודען-פראגע אין דער גאנצער וועלט איז א פריי ארץ-ישראל — פערענדיגט דער חשוב'ער רעדנער זיין אינטערעסאנטען רעפעראט.

דער גרויסער פערזאמעלטער עולם האט דעם פרעלעגענט הייס אפלאדירט.

פון דער באיקאט - אקציע.

פיריגען מיטוואך איז אין לאקאל פון סוחרים און פאבריקאנטען פעראיין פארגעקומען א בעראטונג פון אלע צעלולאיד-און שפּילצייג - פאבריקאנטען וועגען אדורכפיהרען א פולקאמענעם באיקאט פון דייטשע רויה-שטאפען.

די פערזאמעלטע האבען זיך פערפליכטעט נישט מעהר צו בעציהען קיין דייטשע סחורות און צו אנולירען די געשלאסענע קאנטראקטען.

עס איז אויך אויסגעוועהלט געווארען א בראנזשע-קאמיסיע, צו וועלכער עס געהערען די ח"ה: עפשטיין, לעדערמאן, לאנדוי, היימאן און שונדער.

די קאמיסיע האט די אויפגאבע צו פערשאפען סחורות פון אנדערע קוועלען און צו קאנטראלירען דאס אדורכפיהרען פון באיקאט צוזאמען מיט'ן פעראייניגטען קאמיטעט.

די ערשטע זיצונג פון דער קאמיסיע קומט פאר זונטאג 6 נאכמ. אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין.

פון די פערשידענע אינסטאלאציע-אונטערנעמונגען אין אונזער שטאדט איז כדאי צו דערמאנען די נאך יונגע אונטערנעמונג פון אינזש. י. פינקעלקרויט, וועלכער האט זעהר געלונגען אדורכגעפירט אין טשענסטאכאוו א גאנצע רייה סאניטארע און אינדוסטריעלע איינריכטונגען.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואס די מאכט האט גענומען אין אכט די מוסטערהאפטע ארבייטען פון אינזש. פינקעלקרויט און איהם ערטיילט די ערלויבניש אדורכצופיהרען אלע ארבייטען, וואס נעמען ארום זיין טעטיגקייט.

דער יונגער פירמע ווינשען מיר ערפאלג אין איהר ארבייט.

די ל"ג בעומר פייערונג ביים היגען בית"ר.

דער היי-יעהריגער ל"ג בעומר איז זעהר אימפאזאנט אויסגעפאלען.

די פייערונג איז פארגעקומען אין גרויסען יאסקראווער וואלד. פונקטליך 6 פריה האבען זיך פערזאמעלט אויף דעם גרויסען פלאץ פון „איראן", ווי עס איז דער לאקאל פון בית"ר, איבער 250 ביתרים פון טשענסטאכאוו און 30 ביתרים פון ראקאוו, אלע אין די ביתרישע אוניפארמען. פונקטליך 6-30 קומען פאר אסיפות פון אלע קנים, נאכהער שטעלען זיך אלע אויס אין 2 שירות, ווי די קנים ווערען צוטיילט אין דריי גרויסע אבטיילונגען. 1-טע אבטיילונג אחים, 2-טע אחיות און 3 טע וועלכע בעשטעהט פון יונגערע אחים-ות.

פונקטליך 8 קומט פאר דער ראפארט, וועלכען עס נעמט אן דער קאמענדאנט לאסקער, נאכהער קומט פאר דער ארויסמארש אין דער שטאדט אריין. אין די אלעען און אין אלע גאסען זענען דערווייל געשטאנען טויזענדער נייגעריגע, וועלכע האבען מיט אונגעדולד ערווארטעט דעם גרויסען בית"רישען צוג, וועלכער איז געגאנגען איבער די אלעען און די הויפט-גאסען פון דער שטאדט און אין איז געווארען בעגלייט ביז אונטער דער שטאדט פון יונג און אלט בערך 500 מאן. אין דער שפּיץ פון דער דעפילאדע זענען געגאנגען די פאהן-פאסט און די גאנצע מפקדה מיט'ן קאמענדאנט לאסקער בראש.

אויפ'ן וועג קיין יאסקראוו זענען אקעגענגעקומען די קנים פון אמסטאוו, פשיראוו א. א. אין יעדער צאהל פון 60 מאן, וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען אין דעם גרויסען צוג.

פונקטליך 10 איז דער צוג אנגעקומען נאך יאסקראוו, ווי דער קאמענדאנט לאסקער עפענט די פייערונג און שילדערט אין קורצע אבער זעהר ווארימע ווערטער די בעדייטונג פון היינטיגען יום-טוב, און נאכהער קומט פאר דאס פריהשטיק עסען. אלע פערזאמלען זיך ארום דער מחנה, ווי עס ווערט ארויפגעצויגען די בלוי-ווייסע מאשט.

11 30 קומען פאר שיחות פון יעדע דרגא בעזונדער. יעדער ראש דרגא שילדערט גשנוי די בעדייטונג פון ל"ג בעומר בכלל און פאר די ביתרים בפרט, א זעהר שטארקען איינדרוק האט אויף אלעמען געמאכט די שיחה פון ראש דרגא ג' וויצע-קאמענדאנט מ. זעלצער, צו וועלכער עס האבען זיך צוגעהערט א גרויסע טייל צוהערער, וועלכער האט געשילדערט ווי אזוי בר-כוכבא האט געקעמפט מיט די רוימער, ווערענדיג בעפרייען דאס יודישע פאלק פון זיין שטענדיגען גלות-יאך, און פערגלייך מיט דעם ביתר'ישען היינטיגען גרויסען קאמף פאר דער הייליגער אידעע פון א יודישער מלוכה אין א"י.

12 א זייגער קומען פאר פערשידענע ספארט און גימנאסטישע איבונגען, וועלכע דויערען ביז האלב 2. דערנאך קומט פאר דאס מיטאג, וואו אלע פערברענגען ביים זינגען פערשידענע העברעאישע א"י לידער און „הורא"-טענץ. האלב 4 קומען פאר מיליטערישע איבונגען, וועלכע דויערען ביז 5 א זייגער. האלב 6, נאך א פויזע, דערהערט זיך דער סיגנאל און אלע פערזאמלען זיך שנעל. עס קומט פאר א אסיפת הקן. ביי דער געלעגענהייט ווערען צוטיילט אויסצייכנונגען פאר טיכטיגע אחים-ות, וועלכע האבען איבערגעגעבען געארבייט פאר'ן ביתרישען אידעאל.

6 א זייגער ווערט געזונגען דער ביתרישער הימן „מדן ועד באר שבע", עס ווערט אראבגעצויגען. דער מאשט און עס קומט פאר דער צוריקמארש. עס האט זיך אויך אנגעשלאסען די יוגענד - ארגאניזאציע „הנוער הציוני" מיט'ן פאהן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין דער שפּיץ.

שוין פאר'ן אנקומען אין דער ווארשאווער גאס זענען אקעגענגעקומען א סך מענשען, און אין דער אלעע איז דער געדראנג געווען אזוי גרויס, אז ס'איז אבגעשטעלט געווארען דער פערקעהר.

8.15 נאכ'ן אנקומען פון צוג אויפ'ן פלאץ „איראן" און נאכ'ן אבזינגען „התקוה" ווערט די פייערונג דורכ'ן קאמענדאנט לאסקער אויפגעלעזט.

אין א געהויבענער שטימונג זעגנען זיך אלע פונאנדער-געגאנגען.

א מיטבעגלייטער.

שנעל און גוט!

שנעל און גוט ווירקען די טאגאל טאבלעטקיס ביי רעוומאטיזם, פאדאגרע, שמערצען און רייסען אין די געלענקען, נעווראלגיע און פערקיהלונגען. שוין זייט איבער 15 יאהר באנוצט מען מיט דעם בעסטען ערפאלג ביי דידאזיגע ליידען טאגאל-טאבלעטקיס. איבער 6000 דאקטוירים, דארונטער אסך בערימטע פראפעסארען בעשטעטיגען די גוטע ווירקונג פון טאגאל-טאבלעטקיס. פרוווט און איבערצייגט אייך נאך היינט אליין. מען מוז אבער גוט אויפפאסען אויף די אריגינאלע נישט באשעדיגטע פערפאקונג. צו באקומען אין אלע אפטייקען. רעג.-נומ. 1364.

Togal

צוגעשיקטע מעלדונגען.

פון ציוניסטען-רעוויזיאניסטען פערבאנד ברית הצה"ר.

אין צוזאמענהאנג מיט דער בעפארשטעהענדער קרייז קאנפערענץ פון קעלצער וואיעוואודסטווא פון ברית הצה"ר וועלכע קומט פאר דעם 4—5 יוני אין טשענסטאכאוו, וועט חוץ דעם וויצע-פרעזידענט פון דער וועלט-אוניאן ציוניסטען-רעוויזיאניסטען מאיר גראסמאן פון לאנדאן אויך אנטייל נעמען די ה"ה איפוש. ראבערט שטריקער פון וויען, ווינשטיין פון א"י און סעקרעטאר פון וועלט-סעקרעטאריאט אין פוילען ה' מארקוס.

דער רעפעראט האט ארויסגערופען א אונגעהויערע פעראינטערעסירונג אין אונזער שטאדט און כדי מעגליך צו מאכען אלע שיכטען דעם רעפעראט צו בעזוכען וועט ער פארקומען אין איינעם פון די גרעסטע זאלען און די פרייזען פון די בילעטען וועלען זיין צוגענגליכע.

די צוגרייטונגס - ארבייט אין צוזאמענהאנג מיט דער קרייז-קאנפערענץ איז אין פולען גאנג אין אלע שטעדט דארפען זיך ווענדען וועגען אינפארמאציעס אויף פאלגענדען אדרעס:

Inż. A. Orliński, Częstochowa
Aleja Kościuszki 25

יעדען שבת 4 נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל רעפעראטען פון פארזיצענדען ה. איצקאוויטש אויף פערשידענע אקטועלע ציוניסטישע און רעוויזיאניסטישע טעמעס. איינגאנג פאר מיטגלידער און סימפאטיקער פריי.

דינסטאג איז פארגעקומען א געזעגנונגס-אווענד אין אייגענעם לאקאל פאר די אבפאהרענדע חברים אויף הכשרה ל. דאנציגער און ש. קאזאק.

אין א געהויבענער שטימונג און ביי א גלעזיל כרמל-וויין האט מען פערבראכט מיט די אבפאהרענדע חברים און געווינשען זיי ווי אמשנעלסטען עולה צו זיין נאך א"י.

דאנערשטאג זענען די אויבענדערמאנטע חברים געווארען בעגלייט דורך אלע חברים פון אונזער סניף.

דער סעקרעטאריאט איז טעטיג יעדען טאג פון האלב 9 ביז האלב 10, וואו ס'ווערען ערטיילט אלערארט אינפארמאציעס און ס'ווערען אנגענומען איינשרייבונגען פון נייע מיטגלידער.

שבת איז פארגעקומען אין אייגענעם לאקאל א רעפעראט פון פארזיצענדען א. איצקאוויטש א. ד. ט.: „אונזערע אויפגאבען צום 18 קאנגרעס. ביי א איבערפולטען זאל איז בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען צו דער שקל-אקציע מיט'ן צוועק צו ערגאבערן דעם 18 קאנגרעס.

שבת, דעם 20 ד. ח. 4 נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א רעפעראט פון די ח"ח איצקאוויטש און רוזשעוויטש א. ד. ט. „פארוואס נאר רעוויזיאניזם?". איינגאנג פריי.

פון באראבאוו-היים.

שבת 4 נ"מ קומט פאר א שיחת חברים געפיהרט דורך די חברה פרומעט א. ד. ט. „די חברה אין ארבייטענדען ארץ-ישראל".

שבת איז אין לאקאל פון באראבאוו-היים פארגעקומען אנ'אקאדעמיע אונטער דער לאזונג „ערד ארבייט און עליה". ה' שטרויס עפענט די אקאדעמיע און גיט איבער דאס ערשטע ווארט דעם ה' ד"ר גאטעסדינער, וועלכער האלט א זעהר אינטערעסאנטען רעפעראט.

אין מוזיקאלישען ליטעראַרישען טייל האבען אנטייל גענומען די ה"ה זאמערפעלד, גאמולינסקי, ש. פראנק און אורבאך.

מיט'ן געזאנג פון „התקוה" און די שבועה ווערט די אקאדעמיע אין א געהויבענער שטימונג פערענדיגט.

פון „הפועל".

שבת, דעם 20 ד. ח. 11 א זייגער פריה קומט פאר א אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג.

אלע חברים ווערען אויפגעפאדערט אונבעדינגט אנוועזענד צו זיין.

אנ'אמאטאר פון ליאדעס.

יוזעף גזשעלאק (פיאטראווסקא 41) האט געמאלדען דער פאליציי, אז פון קאמער'ל האט מען איהם ארויסגעגנב'עט 2 בלעכערנע באנקעס מיט ליאדעס אין דער ווערט פון 40 זל.

גאט, שטראף דייטשלאנד!

ווענען וואס רעדט מען היינט, נו, וועגען היטלער'ן פערשטעהט זיך. האב איך די וואך טאקי געהאט א געשפרעך מיט עטליכע גוטע פריינד און יעדער האט אלץ ארויסגעזאגט און דערצעהלט זיינע השערות וועגען דער צוקונפט פון דער דייטשער מלוכה אונטער היטלער'ס ממשלה.

— דייטשלאנד איז א לאנד פון פוירים און פאמעס — האט זיך איינער אנגערופען. דער עכטער דייטש ווייסט פון גארנישט צו זאגען, מעהר ווי וועגען קולמבאך-ביער קען זיין מח נישט טראכטען. און ווען א דייטש וויבט און מארדעט, טהוט ער עס אונטער דער קאמענדע פון אג'אנפיהרער, וועלכער איז דוקא נישט קיין געבוירטיגער דייטש.

נעהמען מיר ווייטער די גרויסע דייטשע קולטור און טעכניק, אויך דאס זענען נישט די פערדינסטען פון די אמת'ע דייטשען, נאר פון פרעמדע, וועלכע האבען דעם דייטש רייך געמאכט און דאס אלץ פערשריבען אויפ'ן חשבון פון דייטשלאנד.

און אפילו די היינטיגע אנפיהרער פון דייטשלאנד — ווער זענען זיי? היטלער, ימח שמו, איז אנ'עסטרייכער, וועלכער האט זיך איבערגעפלאנצט קיין דייטשלאנד. זיין רעכטע האנד, ראזענבערג, וועלכער איז געפאהרען קיין לאנדאן מיט א גרויסער מיסיע, איז אנ'עסטאנער. און וואלטער דאבע, דער, וואס פערנעמט הוגענבערג'ס ארט איז גאר א בראזיליאנער. איז דאך משמע, אז די באנדיטען זענען נישט קיין עכטע דייטשען, נאר די יעקעס לויפען זיי נאך און טהוען זייער רצון.

די אינטעלעקטואליסטען ווידער זעגען דאך אוודאי נישט קיין דייטשען, זיי זענען בלויז יודען, א ראיה, אז נאכדעם ווי מען האט איינגעארדענט דעם אויטא-דא-פע איז נישט געבליבען קיין איין בוך, וואס זאלען נאך האפען א גייסטיגען ווערט. געבליבען זענען נאר די ווערק פון די באנדיטען און רויבער.

ווי איהר זעהט, האט א יסוד דער פאלקס-אויסדרוק: יעקע-נאר, ווייל אליין איז ער א שאינו יודע לשאול, נאר ער לאזט זיך שטענדיג פיהרען אזוי צו שלעכטע טהאטען, ווי צו גרויסע העראאישע מעשים, אלץ דורך פרעמדע.

אזא פאלק קען נישט האבען קיין צוקונפט און וועט מוזען האבען א מפלה.

— דער היטלעריזם געהט שוין אונטער—האט א צווייטער אנגעהויבען און עס איז נישט כדאי זיך וועגען דעם אזוי פיעל מפלפל צו זיין און אננעמען געגען איהם פערהיטונגס-מיטלען, איינארדנען פראטעסטען, באיקאטען א.ז.וו.

די מעשה דערפון איז גאר א פשוט'ע: דער בעוואוסטער פראנצויזישער העלזעהער, וועלכער האט פאראויסגעזאגט די וועלט-מלחמה און אויך דעם טויט פון פראנצויזישען פרעזידענט דומער, האט אויך איצט פארגעזאגט א נייע נביאה און דאס, אז היטלער'ס סוף וועט קומען דעם 24 מאי 1933 און היות ווי דער נביא האט א גוטע מארקע, אז זיינע אלע נביאות'ן האבען זיך ביז היינט בעשטעטיגט, וועט ער מסתמא מיט היטלער'ן אויך טרעפען.

אז היטלער וועט אלזא א סוף איינעמען, וועט זיך דאך דער רעזשים ענדערן, וועט מען יודען נישט רוז'פ'ן, וועט מען דאך נישט דארפען צו מאכען קיין באיקאטען, וועט במילא די פראגע וועגען די יודישע קאמיטעטען בטל ווערען און ס'וועט זיין שלום על ישראל.

כאטש ס'וועט זיין אביסעל פריקרע, ווארום מען האט זיך שוין צוגעוואוינט צו די זיצונגען, וועלכע קומען פאר כמעט טאג-טעגליך, כדי צו פעראייניגען די דריי געשאפענע קאמיטעטען אין איין קאמיטעט, און דאביי ווערען געהאלטען רעדעס, וואו עס פאלען ווערטער שטארקע, וועגען העגעמאניע, פרעסטיזש, איינהייט און סאלידאריטעט און דא מיט איינמאל אויס, אלץ וועט צוריק איינשלאפען, נישט קיין מיטינגען און נישט קיין ארטיקלען אין די צייטונגען, אבער ס'וועט זיין פערפאלען. אזוי וויל דער גורל.

סיידען—פערענדיגט ער זיין מאמר—אז דער פראנצויזישער העל - זעהער זאל האבען געזאגט א ליגען און היטלער'ן וועט נאך ח"ו אויסקומען אביסל צו לעבען, דאן וועלען מיר פוילישע יודען, און בתוכם די טשענסטאכאווער, אויך נאך האבען עפּיס צו טהון...

— מיר וועלען שוין מיט דייטשלאנד נישט שלום מאכען — רופט זיך אב א דריטער — ווען אפילו די יעצטיגע באנדיטען וועלען יא איבערגעהן און ווען חס-ושלום זיי זאלען בלייבען לעבען; מיר האפען צום דייטשען פאלק נישט מעהר קיין צוטרוי. אויב זיי האבען זיך געקאנט לאזען מיטרייסען און פערגעסען וועגען דעם גרויסען ביישטייער, וואס יודען האבען געגעבען דער דייטשער קולטור און טאנצען יעצט מיט דעם ווילדען טאנץ. צו אזא פאלק קען מען מעהר נישט האבען קיין הארץ.

פערדריסען פערדריסט מיך נאך משהר אויף די ראדיקאלען, אויף די סאציאליסטען און קאמוניסטען און אויף די אנדערע דעמאקראטען. זיי האבען דאך סוף כל סוף געדארפט רעאגירען אויף די היטלעריאדע, וואס האט זיך פערנומען זיי עוקר מן השורש צו זיין. אלא וואס דען איז פון דעם געדרינגען, אז — יעקע נאר... ביי די דייטשען זענען נישט פערהאנען קיין סאציאליסטען און נישט נאציאנאליסטען, נאר ווער עס כאפט זיך ארויף אויפ'ן בענקיל און שלאגט מיט'ן קאפטשיק, פאר דעם האט מען מורא.

דאס איז א פאלק אהן אייגענער איניציאטיוו, נישט צום גוטען און נישט צום שלעכטען.

כ'ווייס נישט צו מיר זענען יוצא דערפאר וואס מיר ווייזען נישט ארויס צו זיי קיין רחמנות פאר זייערע פערטעמפטע געפיהלען, פאר זייער אבגעשטאנענקייט.

פיין—רייסט איבער דער פירטער — זאלען מיר ווידער זיך נישט אריינלאזען אין קיין סענטימענטען. שוין! ס'האט זיך שוין ביי דיר ערוועקט דאס יודישע רחמנות? גענוג מיט דער דאזיגער יודישער מדה. היינט איז א צייט, ווען מען דארף קוקען מיט אפענע אויגען אויף געשעהענישען און אנווענדען דעם פרינציפּ פון מדה כנגד מדה און אויב דאס דייטשע פאלק האט געקאנט בעגעהן אזא גרויל-שאנדטהאט געגען דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, און אפילו די כלומרשט'ע ראדיקאלע דייטשען שווייגען. מוז מען זיי פעראכטען, מוז מען זיי שטעלען מחוץ למחנה פון יעדען קולטורעלען פאלק.

— איך האב א פלאן — גיט א פארשלאג א מיט-שמועסער — געדענקט איהר, ווי אזוי די דייטשען האבען בעת דער מלחמה בענוצט זיך בנוגע די אויסלענדער מיט דער בעגריסונגס-לאזונג: „גאט שטראפע ענגלאנד"?

אט דאס זעלבע דארף מען יעצט אויסנוצען געגען זיי גופא. אלע בריעף, וועלכע געהן קיין דייטשלאנד, דארפען פון אויבען זיין פערזעהן אנשטאט ב"ה „גאט שטראפע דייטשלאנד!" און אויך ביי יעדער בעגריסונג דארף מען אנשטאט א גוט-מארגען זיך ווינשען: „גאט שטראף דייטשלאנד!"

בראוואָ! — האבען אלע מסכים געווען — זאלען זיי דערווייל בעשטראפט ווערען מיט זייער אייגענע „ברכה".

„גאט שטראף דייטשלאנד!" ווערט דעריבער פון היינט אן בענוצט דורך אלע, וועלכע פיהלען א טיפע שנאה צום בארבארען-פאלק.

„גאט שטראף דייטשלאנד!"

שמאל

פון פעראייניגטען יודישען קאמיטעט צום קאמף געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

שבת 9 אווענד איז פארגעקומען א זיצונג פון קאמיטעט, אויף וועלכער ה' נייפעלד האט אבגעגעבען א בעריכט פון צוזאמענפאהר פון די יודישע מיטגלידער אין די האנדעלס - קאמערן אין גאנץ פוילען. דער צוזאמענפאהר איז פארגעקומען אין ווארשא און עס איז דארט אויסגעארבייט געווארען א גענויער פלאן פון באיקאט. עס זענען אנגענומען געווארען בעשלוסען וועגען די פראקטישע מיטלען, ווי אזוי דעם באיקאט אדורכצופיהרען.

נאך א לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאסען געווארען צו שאפען דריי קאמיסיעס: 1) א באיקאט-קאמיסיע, 2) א פראפאגאנדע-קאמיסיע און 3) א הילפס-קאמיסיע.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען אין גיכען צו א ברייטער הילף און זאמעל-אקציע.

מיטוואך איז ביים קאמיטעט געגרינדעט געווארען א יוגענד-קרייז. אויף שבת דעם 20 ד. ח. איז בעשלאסען געווארען צוזאמענצורופען חברים-פערזאמלונגען פון די בעזונדערע יוגענד-ארגאניזאציעס: בית"ר—האלב 4 נאכמ. אין אייגענעם לאקאל, גורדוניה—4 נמ. אין אייגענעם לאקאל, החלוץ—9 אוו. אין לאקאל פון השומר הצעיר, הנוער הציוני—11 פארמ. אין לאקאל פון דער ציוניסט. ארג., השומר הדתי וצעירי מזרחי 4 נאכמ. אין אייגענעם לאקאל, ויטקיניה 4 נמ. אין לאקאל פון התאחדות, עקיבא—4 נאכמ. אין קליינהענדלער-פעראיין אלעע 8.

זונטאג, ד. 21 האלב 9 אווענד אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין קומט פאר א זיצונג פון יוגענד-קרייז.

דער סעקרעטאריאט פון קאמיטעט איז טעטיג יעדען טאג פון 6 ביז 8 אווענד חוץ פרייטאג און שבת אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין.

אויפקלערונג.

מיר ערלויבען זיך אויפצוקלערען, אז די אויסארבייטונגען „אדאל“ ווערען גענצליך פראדוצירט אין פוילען. די פאבריק און די פערוואלטונג געפונען זיך אין לעמבערג און די אקציעס — אין פוילישע הענד. די דאזיגע איינצעלהייטען זענען גענוגענד בעקאנט די סוחרים פון דער כעמיש קאסמעטישער בראנזשע. — מיר געבען זיי איבער נור, כדי וועגען דעם מודיע צו זיין די ברייטערע שיכטען פון די קאנסומענטען.

כעמיש-קאסמעטישע אינדוסטריע
„אדאל“ געז., אקצ. געז., לעמבערג.

אויפלעבונג פון דער „תורה אגודה“-בעוועגונג.

ווי מען מעלדעט אונז איז די לעצטע צייט אריינגעטרעטען אן אויפלעבונג אין די רייהען פון דער רעליגיעז-נאציאנאלער יוגענד, וועלכע איז ארגאניזירט ביי דער אלגעמיינער „תורה אגודה“-בעוועגונג. די בעוועגונג נעמט ארום דעם „צעירי מזרחי“, „החלוץ המזרחי“, „שומר הדתי“ און „ברוריה“. ביי אינז אין שטאדט איז פריש ארגאניזירט געווארען דער „צעירי מזרחי“ און ס'איז געגרינדעט געווארען א „שומר הדתי“, וועלכע געפונען זיך אין א נייעם שעהנעם לאקאל, ערשטע אלעע 5, פרנט ערשטער שטאק. עס זענען ארגאניזירט געווארען פערשיעדענע שיעורים פון תלמוד, תנ"ך, העברעאיש און יודישע געשיכטע. אין די נעכסטע טעג וועט ווערען געעפענט א לעזעזאל ווי אויך די ביבליאטעק. ס'ווערען אויך איינגעארדענט אפטע פערזאמלונגען און שיחות-חברים.

שבת פ' בהר ובחקותי כ"ד. אייר 3 א זייגער נאכמיטאג וועט פארקומען אין אייגענעם לאקאל, אלעע 5, א שיחה א. ד. ט. „די אידעאלאגיע פון תורה-אגודה.

חברים און סימפאטיקער ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פונקטליך.

א פראטעסט - דעפעשע פון דער היגער קהלה צום פעלקער - בונד.

אנשליסענדיג זיך צו דער פעטיציע פון דער יודישער פארלאמענטארישער „קאלא“ צום פעלקער-בונד בנוגע די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד, האט נעכטען בייטאג פרעזעס יעקב ראזענבערג ארויסגעשיקט אין נאמען פון דער יודישער קהלה פאלגענדע דעפעשע נאך זשענעווע:

צום ראט פון פעלקער-בונד,
זשענעווע
די אונטערגעשריבענע יודישע קהלה שליסט זיך אן צו דער פעטיציע פון יודישען קלוב ביים סיים פון דער פוילישער רעפובליק
ראט און פערוואלטונג
פון דער יודישער קהלה
אין טשענסטאכאוו

געשאפען א ברית-הצהר און א ברית-תרומפלדור אין ראקאוו.

לויט דער איניציאטיוו פון עטליכע חברים איז אין ראקאוו געשאפען געווארען א ברית תרומפלדור ווי אויך א ברית הצחר.

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען דעם 16-טען ד. ח. האט רעפערירט חבר צבי קאנטאר פון טשענסטאכאוו.

עס ווערט געשאפען א שקל קאמיסיע פון עטליכע חברים. דאן ווערט אויסגעוועהלט א ועד פון פאלגענדע חברים: שלמה יארזאמבעק פרעזעס.

Kino „Atlantic“

נאר היינט
א דרייפאכיגער פראגראם!
Królowa Piękności
מיט דער שעהנער דזשאאן קראופארד
W wirze wielkomiejskim
מיט דעם בעריהמטען לאן טשאני
GŁOS PUSTYNI
מיט: בראדויש, בארא, נארא נעי א"א.
פרייזען פון 25 גראשען.

אברהם וויינרייט מזכיר, אברהם פראגא גיזבר, מאגיא פראגא און איין מיטגליד פון בית"ר לייב קורלאנד. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע די חברים אלתר זילבערשאץ, און יצחק ליבגאט.

אינטער די קלאנגען פון התקוה און אויסרופען פאר אונזער מנהיג זאב זשאבאטינסקי ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

דבורה פראקאש נ"ע

נעכטען איז פארגעקומען די לוויה פון דבורה פראקאש נ"ע, די פרוי פון היעגען בעקאנטען מו"צ ר' יוסף פראקאש. אין דער לויה האבען זיך בעטייליגט פיעל הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, דערונטער דער גאנצער ראבינאט און פארשטעהער פון דער קהלה.

אויפ'ן בית-עולם האבען די פערשטארבענע מספיד געווען דער מאן ר' יוסף מו"צ, ר' משה האלטער און ר' בנימין רובין.

די פערשטארבענע האט זיך אויסגעצייכענט מיט זעהר פיעל גוטע מדות, איבערהויפט מיט צדקה און בארעמהארציגקייט.

תנצב"ה.

פון ספארט
געשאפען א לייכטאטלעטישען אונטער-קרייז.

דעם פערגאנגענעם דינסטאג איז אין ספארט-הויז א. נ. פון מארשאל יוזעף פילסודסקי פארגעקומען די קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג וועגען שאפען א אונטער-קרייז פאר לייכטאטלעטיק אין טשענסטאכאוו.

צו דעם צוועק זענען אהערגעקומען די פארשטעהער פון אויבערשלעזישען קרייז-פערבאנד פאר לייכטאטלעטיק אין קאטאוויץ ה"ה: פרעזעס מאיאר קאוואלוכקא, קאצור און דיר. בארנעט.

אין אלגעמיינע שטריכען זענען ארומגערעדט געווארען די אויפגאבען פון אונטער-קרייז, דאס פערהעלטניס צום קרייז-פערבאנד אין קאטאוויץ און פערשידענע טעכנישע אנגעלעגענהייטען. צום שלוס זענען פארגעקומען די וואהלען צו דער פערוואלטונג און רעוויזיאנס קאמיסיע.

נאך א קורצער פערשטענדיגונג פון די פעראיינ'ס דעלעגאטען זענען געוועהלט געווארען די ה"ה: פרעזעס פולקאווניק טשאפלינסקי, וויצע-פרעזעס אינזש. פראנקע (בריגאדא), סעקרעטאר יאנקעוויטש (בריגאדא), קאסירער ווינבערג (מכבי), פערוואלטער וואצלאווסקי (וויקטאריא). רעוויזיאנס-קאמיסיע: ד"ר פראנקע (בריגאדא), ד"ר אש (מכבי) און פרעזעס ריימשיסעל (וויקטאריא).

דערמיט איז די פערזאמלונג געשלאסען געווארען.

URODONAL
Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę
czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość
Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

שטיינמעץ-ברויט
דאס געזונדסטע—דאס נאהר־האפטסטע
דאס איז נישט קיין ברויט מיט א שרייענדן נאמען, וואס בעווייזט זיך אזוי עפעס אין פערקויף
שטיינמעצ'ס ברויט איז דאס איינציגע ברויט, וואס ענטשפרעכט אלע פאדערונגען פון געזונט. דאס ריכטיג - אויסגעבאקענע ראזאחיע ברויט פון דורכגעשווענקטער און געשיילטער תבואה.
שטיינמעצ'ס ברויט איז להלוטין נישט שווער צו פערדייען, אין דעם ברויט זענען פעראייניגט סיי די וויכטיגסטע רייניקייט, סיי די גרעסטע נאהרהאפטיגקייט, דאריבער ווערען אלע מינים שטיינמעצ'ס-ברויט זעהר לייכט פערדייעט, עס ענטהאלט נישט קיין שום צומישונגען פון שעדליכע פאר'ן געזונט כעמיקאליען.
שטיינמעצ'ס קארן-ברויט, שטיינמעצ'ס גראם-ברויט
פון די צוויי מינים זעט יעדער איינער געפונען דאס ברויט, וואס ענטשפרעכט איהם אממייסטען, וועלכעס איז אנערקענט פון בעריהמטע וועלט-דאקטוירים ווי: פראפ. ד"ר גאנטקאווסקי, דירעקטאר פון היגיענישען אנשטאלט ביים פוזנער אוניווערזיטעט, אינזש. ס. ושמיגראד, דירעקטאר פון מלוכה'שען אנשטאלט צו אונטערזוכען שפייז-פראדוקטען אין ווארשע.
די פערטרעטונג אויף טשענסטאכאוו און אויסבאק איז ביי
ח. סלאווני, 2 אלעע 36.
אויך איז צו בעקומען דאס שטיינמעצ'ס-ברויט אין פאלגענדע פונקטען:
מלך אייזענבערג, אלעע 12, משה ווינדמאן, פילסודסקי 15, לייביל בוים, נייער מארק 15, פ. ווינדמאן, אלטער מארק 29, לייביש אייזענבערג, ווארשאווער 39

Koncesjonowane
Przedsiębiorstwo Instalacyjne
Inż. Ignacy Finkelkraut
Częstochowa, Katedralna 7. Tel. 3-59.
Wodociągi i Kanalizacja
Ogrzewanie Centralne
Urządzenia Wody Gorącej
Wentylacje
Suszarnie Przemysłowe

רוימישע בעדער
קאטעדראלנא 17 (פריהער סטראזשאצקא 4)
יעדען טאג ווארימע און קאלטע פרישניץ צו 50 גר., וואנעס צו 1 זל.

ראטעוועט דאס געזונט
די בעריהמטסטע ערצטליכע וועלט - פערזענליכקייטען האבען פעסט געשטעלט, אז 75 פראצ. קראנקהייטען ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.
א קראנקער מאגען איז די הויפט-סיבה פון ענטשטעהען פון פערש. קראנקהייטען. פעראומרייניגט דאס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאף-ווערקסלונג.
די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera ווי דאס האבען בעשטעטיגט די פראפ. פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר מארטין, ד"ר האכשלעטער און א סך אנד. בעדייטענדע דאקטוירים, זענען אן אידעאל מיטעל געזונד צו מאכען דעם מאגען, בעזייטיגען די אבסטרוקציע (פערהארטונג), איז א גוט רייניגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציעס פון די פערדייאונגס-ארגאנען, פערשטארקן דעם ארגאניזם און דערוועקן דעם אפעטיט.
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, נירען, גאל-שטיינער, העמאריד-ליידען, רעוומאטיזם און ארטעריטיזם, קאפ-וועהטאג, אויסשיטען און לישאיען.
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera זענען געווארען בעקאנט אויף די ערצטליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכענונגען און גאלדענע מעדאלען אין באדען, בערלין, וויען, פאריז, לאנדאן און אין אנדערע שטעט. ד"ר לאוער האט בעקומען טויזענדער דאנקזאגונגען פון אויסקורירטע. פרייז פון א האלב שאכטעלע 1.50 זל., א גאנצע שאכטעל 2.50 זל.—פערקויף אין אפטייקען און סקלאד-אפטעטשנעס.

BYSTRA powiat BIAŁA
Pensjonat R. FRENKLOWEJ
WILLA „ZAGŁĘBIANKA“
עמפפעהלט מעבלירטע צימערן מיט גענצליכער געזונטער און רייכליכער אויסהאלטונג. — 5 מאהלצייטען טעגליך. — מעסיגע פרייזען.

כ'וואלט ביז-איצט נישט געליטען פון מיין אקשיסמעס
ווען איך וואלט שטענדיג גענוצט
„לעבעוואהל“.
פאדערט אין אלע אפטייקען און אפט.-סקלאדעס
LEBEWOHL
אינלענדישע אויסארבייטונג

נידער מיט אונזערע שונאים!
קאראלוכען, פרוסאקען און עהנליכע ווערים דאס זענען די פעשפרייטער פון פערשידענע, אנשטעקענדע קראנקהייטען, מען מוז זיי גרונדליך אויסראטען נאר מיט דער הילף פון בעסטען ראדיקאלען מיטעל, וואס פערפיהרט נישט און דאס איז
FLURIN
פאדערען אין אלע אפטייקען און אפטיק-סקלאדעס.

„Grand-Kino“
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

היינט און ווייטער. דאס נייעסטע עקזאטישע ווערק פון מעטרא-גאלדווין-מעיער
SYN INDYJ
די בעסטע און נייעסטע שאפונגען פון ראמאן נאווארא און קאנראד נאגעל
ROMEO i JULCIA
שבת און זונטאג 12.30 א זייגער מיטאג-פארשטעלונגען פון

ערשטער מוסטערהאפטער
קלאנג-קינא
Nowości
לעצטער סעאנס 9.30 אווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

גרויסע לעבענס-דראמע, וואס ענטפלעקט די נשמה פון א פרוי און די ליידענשאפט פון א ליעבענדען מאנספערזאן.
„ZBRODNIA“
מיט לעוו עירעס און זשענעוויעוו טאבין.
LEGJON WALECZNYCH
אויסער דעם א קאוובאי פילם